STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03344

SHNEY IN FRILING

Yaakov ben Gershon Rosenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב ראָזנבערג / שניי אין פרילינג

יעקב ראָזענבערג

שניי אין פרילינג

לידער, דערציילונגען, מאמרים

פאַרלאַג „פריינד"
תל־אביב, ת.ש.מ.ד. 1984

YAAKOV ROSENBERG

SNOW IN SPRING

Poems, Novells, Essays

יעקב ראָזענבערג

שניי אין פרילינג

לידער, דערציילונגען, מאמרים

© by
Yaakov Rosenberg

Printed in Israel

נדפס בישראל, 1984

דפוס אורלי, תל־אביב, טל. 372062



יעקב ראָזענבערג

דעם הייליקן אָנדענק —

מײַן טאַטע־מאַמע **גרשון** און **מאַשע ראָזענבערג**,

מײַן שוועסטער **פּאָלאַ** און **אידאַ**,

זייערע קינדערלער **פרומעטל** און **חיהלע**,

וועמען די דײַטשן האָבן אין אויגוסט 1942

אין די גאַז־קאַמערן פון אָשוויענטשים דערמאָרדעט.

שניי אין פרילינג

געטאָ־פרילינג

ס׳איז פרילינג,
ס׳איז עכטער פרילינג,
נאָר אויפֿן פענצטער הענגט
אַ שוואַרצער שניי.
מײַן מאַמע וואַרעמט זיך
בײַ אַ קאַלטן אויוון,
דער טאַטע לייענט
אַ בלאַט אָן אותיות;
מײַן שוועסטער עסט הייסע זופּ
פֿון אַ קאַלט־געפֿרוירענעם טעלער;
אַלע קוקן מיט שנאה
צו דער שאַפֿע —
דאָרט ליגט אַ דאַרער פּענעך ברויט
הינטער אַ שלאָס,
אין שטוב שווײַגט
אַ געוואַלד: —
ס׳וועט זײַן גוט!
ס׳מוז זײַן גוט!
ווען?
ווען?
מאָרגן, מאָרגן.
אַלע ליגן דערוואָרגן.
נאָר יענער מאַי,
און דער שוואַרצער שניי
זענען געבליבן הענגען
אויפֿן פענצטער.

נישט פאַרגעס, מיין קינד

פאַרלאָשן ס'פײַערל אויפן פּריפּעטשיק,
די שטוב איז וויסט און קאַלט,
און דער רבילע מיט זײַנע תּלמידימלעך,
ליגן אַלע שוין טויט.

נישטאָ דער רבילע, אַוועק די קינדערלעך,
דערשטיקט די מאַמעלעך, דערשטיקט די טאַטעלעך,
אויף אייביק, אויף אייביק אַוועק,
אַ גרויל, אַ גרויל — אַ שרעק.

פאַרלאָשן ס'פײַערל אויפן פּריפּעטשיק
האָט אַ בייזער ווינט,
נאָר דאָס רבילע מיט די תּלמידימלעך,
פאַרגעס נישט, פאַרגעס נישט, מײַן קינד.

נישטאָ מער דאָס ציגעלע

שוין נישטאָ מער דאָס ציגעלע,
נישטאָ דער מאַמעס וויגעלע,
נישט געבליבן ווער ס'זאָל האַנדלען,
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען...

געשאָכטן ליגט דאָס ציגעלע,
צעבראָכן דער מאַמעס וויגעלע,
אַ טויטער ליגט דאָס יידעלע,
דערשטיקט, געשטיקט אויף טויט.

נאָר געבליבן איז דאָס לידעלע,
פון ליבטיק קליינעם יידעלע,
וואָס וויינט אין מיר — אַ פידעלע,
און שנײַדט מײַן האַרץ אויף צוויי.

וויין מאַמע, וויין

וויין, ייִדיש מאַמעלע, וויין,
כאַטש לעבסט שוין אויף יענער וועלט.
דײַן קינד, דײַן ליכטיקער אוצר,
ליגט נאַקעט, אויף הפקר אין פעלד.

דײַן קינד, דײַן ליכטיקער אוצר,
דײַן איינציק אויג אין קאָפּ,
האָט אַ פּנים ווײַס פון פּחד
און אויף בלאָנד געפּאַרבט איז איר צאָפּ...

אַט לויפט זי פון נאָרע צו נאָרע,
און פּרעפּלט ווי אַראָפּ אַזוי פון זינען,
עס יאָגן זי פּוילישע גויִים,
וואָס וועלן זי סוף־כל־סוף געפינען.

ערשט נעכטן עס האָבן די גויִים
אַ קינד, ווי דײַנס, דאָ אַנטדעקט,
זיי האָבן ווי הינט זיך געוואָרפן,
צעריסן אויף שטיקער עס מיט העק.

וויין, ייִדיש מאַמעלע, וויין.
ביטער פאַרשאָלטן איז דײַן וועלט.
זאָל זײַן אַז גאָט האָט פאַרגעסן
דיך און דײַן יתומה אין פעלד?

אין קרעטשמע

כ׳האָב אַלע באַנען פּאַרשפּעקטיווט,
נישט געבליבן מיר מער ווו צו פאָרן,
וועל איך שוין אין אָט דער קרעטשמע
פאַרטרינקען די רעשט פון די יאָרן.

העי, קרעטשמער, באַווײַז נאָר דײַן בראָנפן,
און לאָמיר אויסטרינקען ביזן דנאָ.
אַ מענטש איז דאָך נאָר ווי אַ ווינט,
אָט איז ער, און אָט איז ער נישטאָ...

און דו, מײַן שאָטן געטרײַער,
קום לאָמיר שפּילן אין ווערפל,
דו ווייסט דאָך אַז דאָס גאַנצע פּלאַנעטל
איז נאָר אַן אומגליקלעך דערפל.

געדענקסט אונדזער וועג, אונדזער וואַנדער?
אַ וועג מיט חכמים און קלאָונען,
געטראָפן האָט חכם אין בלאָטע,
און דער נאַר אויף פּלושענע טראָנען.

און מענטשן ווי מילבן־פּאַיאַצלעך,
וואָס לאַכן און באַלד זיי וויינען,
נו, קאָנסט דאָך נישט האָבן קיין טענה,
די זון קאָן דאָך אייביק נישט שײַנען.

זיץ איך אַמאָל אין קרעטשמע,
פאַרנאַכט שוין געפאַלן פונעם הימל,
דער בראָנפן געטאָגט האָט אין פלעשל,
זיץ איך און חלום אין דרימל.

ערשט קומט מיר מײַן שאָטן אַנטקעגן —
זײַן פּנים — אַ שמאַטע אַ גרויע,
ער קוקט אויף מיר מאָדנע, מיט חידוש,
און שושקעט אַרײַן מיר אין אויער.

ער קומט איצט פון יענע מקומות,
ווו וואַלד שטייט פאַרשרפעט פון פלאַמען,
די צווײַגן דאַרע, סוכאַטע,
שוואַרצן אַראָפּ פון די שטאַמען.

געזען כ׳האָב ס׳אומשולדיקע פעלד,
פון טרערן וואַקסט דאָרט דער מאָך,
געהערט כ׳האָב אין שטילקייט דער בלויער,
וויינען דײַן אייביקע בראָך...

נאַ, נעם דיר אַ טרער פון דײַן מאַמען,
דעם לעצטן געשריי פון דײַן טאַטן.
געדענקסט נאָך דעם מיאוסן ויברח,
ווען דו האָסט זיי ביידן פאַרראַטן?

דעמלט, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ גיבור,
האָסט געזוכט אויף די דראָטן דעם טויט...
דאָך האָסטו, ווי אַ פּשוטער וואָרעם,
געגריזשעט דאָס ליימענע ברויט.

האָסט דעמלט נאָך עפּעס געשטאַמלט,
געשטאַמלט פון מאָרגן, פון שטרעבן.
אַ מענטש האָט אַ פליכט פאַר דער צוקונפט...
און לעבן, און לעבן, און לעבן.

אַזוי ביסטו לעבן געבליבן,
כאָטש כ׳ווייס נישט וויאַזוי און פון וואַנען.
נאָר זאָג מיר — איך בין דאָך דײַן שאָטן,
ווו גייט מען? ווו גייט מען אַוועק פון דאַנען?

שוין אַלע באַנען פאַרשפּעטיקט
נישט געבליבן מיר מער ווו צו פאָרן,
ווי שמות פון ספרים פאַרברענטע,
פליִען אין ווינט מײַנע יאָרן.

העי, קרעטשמער, דערלאַנג נאָך אַ כוסה.
לחיים צו די אויפן דנאָ,
אַ מענטש איז נישט מער ווי אַ ווינטל,
אָט איז ער, און אָט — נישטאָ...

געטאָ־וויגליד

איילין, ליולין, לין,
שלאָף מײַן קינד אין רו.
מאָרגן פאָרסטו אַרויס פון געטאָ,
נאָר כ׳ווייס נישט ווי אַזוי און ווו...

איילין, ליולין, לין,
דער טאַטע איז שוין אויך נישטאָ,
ער לעבט אַוודאי אין שווילטאָג
אין אַ לאַגער פון דײַטש,
נאָר כ׳ווייס נישט פאַרוואָס און ווו...

איז שלאָף זשע מײַן קינד, זײַ שטיל,
דײַן מאַמע וויל וויינען, וויל,
נאָר קוים ווערסטו פון שלאָף זיך אויפכאַפּן,
כ׳וועל שמייכלען, און דיר זינגען צום שפּיל...

שפּערע, 1942

אַוועק זענען קינדער

די דײַטשן האָבן אַרויסגענאַרט די ייִדישע
קינדער פון לאָדזש, זאָגנדיק אַז זיי פירן זיי
אויף „דאַטשע״, און דאָרט זיי אומגעבראַכט.

און ווען די קינדער
זענען אויף „דאַטשע״ אַוועק,
און ווען די קינדער
זענען פון געטאָ אַוועק,
האָבן די מאַמעס זיך געשלאָגן
אין די קעפ,
האָבן מאַמעס זיך געשלאָגן
אין די קעפ
און משונהדיק געתחינהט
מיט אַ ניגון...

און ווען די קינדער
זענען פון געטאָ אַוועק,
און ווען די קינדער
זענען פון געטאָ אַוועק,
האָבן טאַטעס נישט געכאַפּט
קיין העק,
האָבן טאַטעס נישט געכאַפּט
קיין העק,
נאָר פּאַר צער און פּאַר שרעק,
געריסן שטיקער זיך
פון פּנים.

און ווען די קינדער
זענען פון געטאָ אַוועק,
האָבן הענטעלער געפּאָכעט
פונעם וועג,

האָבן הענטעלעך געפּאָכעט
פונעם וועג: —
אדיעי,
אדיעי...

און ווען די קינדער זענען
אויף דער „דאַטשע״ געקומען,
און ווען די קינדער זענען
אויף דער „דאַטשע״ געקומען,
האָבן זיי די עלטער־ציידעס,
די טויטע, אַרומגענומען
און די באָבעס מיט אַן איכהדיקן
ניגון
האָבן אין אַ קרייַז גענומען
זיי וויגן,
ביז געבליבן זיי זענען שטיל,
שטיל אַנטשוויגן,
שטיל אַנטשוויגן,
שאַ!
די קינדער פון געטאָ רוען איצט
רוען,
רוען...

רבונו של עולם

רבונו של עולם,
צו וואָס דיר אַזוי פיל עקדות,
פון קינדער, פון מאַמעס,
פון אַלטיטשקע זיידעס,
צו וואָס דיר אַזוי פיל
עקידות ?!

אָ, זע! דיַין פאָלק
פאַרברענט און געשלאָגן,
דאָך שלעפּט עס מיט ליבע
דיַין ליכטיקן וואָגן,
און וויל נישט,
און קאָן נישט
פאַרלאָזן די וועגן,
כאָטש ס׳וואַקסן דאָרט דערנער
נאָכן בלוטיקן רעגן.

רבונו של עולם,
צו וואָס דיר אַזוי פיל
עקידות ? —
צו וואָס ?

ווינטער אין געטאָ

דער ווינטער איז געקומען,
ס׳שנייט אַ ווײַסער טויט,
אין אויוון שווײַגט די סאַדזע,
דער טיש געדעקט מיט נויט.

מײַן מאַמע שטייט פֿאַרלוירן,
פֿאַרבראָכן קאַלט די הענט,
מיט זילבער אויסגעשטערנט
האָט פֿראָסט בײַ אונדז די ווענט.

בײַם לאָמען טיש געבויגן
מײַן טאַטע זיצט און שווײַגט,
אויף קאַלטע שויבן הענגען
טויבן, ווײַס ווי קרײַד.

ס׳לעמפּל אין חלשות
צאַנקט און לעשט זיך אויס.
מײַן מאַמעס פּנים זינקט אַרײַן
אין שאָטנס שוואַרצן שויס.

דער ווינטער איז געקומען,
ס׳שנייט אַ ווײַסער טויט,
אין אויוון שטאַרבט די סאַדזע,
דער טיש געדעקט מיט נויט...

שטעטעלער ייִדישע

אָ, שטעטעלער ייִדישע,
אָרעמע און קליין,
איר שכינה׳דיק באַצויבערטע,
מיט שבתדיקן חן,

איר ווייסט גאָרנישט ווי יום־טובדיק
געווען ביי איך אין גאַס,
כאָטש ס׳האָבן דאָרט אַ לעבן לאַנג
די טאַטעס אָפּגעפּאַסט;

כאָטש ס׳האָבן דאָרט די מאַמעס שטיל
די אויגן אויסגעוויינט,
דאָך האָט ביי איך די זומער־זון
ליכטיקער געשיינט.

איצט, זייט איר אַלע מער נישטאָ,
מיט רויך אַוועק, אַוועק,
געבליבן שטומע הייזער נאָר,
וואָס וויגן זיך פון שרעק,

אין גאַסן אויסגעליידיקטע,
פאַרצוימט מיט שטעכל־דראָט,
אַ טויטע מחנה ייִדן שטייט
און רחמים בעט ביי גאָט,

ער זאָל נאָר נישט פאַרשפּעטיקן,
משיחן שיקן שנעלער, שנעל.
ס׳קאָן, חלילה, איינגעמען
זיין וועלט, אַ שוואַרצן תל...

הילצערנע הײַזער

הילצערנע הײַזער מיט שטרויענע דעכער,
אויף ווײַס געקאַלכט דער ציגלענער קוימען,
וואָס רויכערט און רויכערט אַזוי ווי אַ ציבעק,
אין מויל פון אַ זקן, פאַרזונקען אין טרוימען.

אַמאָל אין די הײַזער געוווינט האָבן ייִדן,
געלעבט האָט מען אָרעם, נאָר האָפּערדיק פריילער,
כאָטש שווער איז געווען דער גרויער אינדערוואָכן,
געהערשט האָט יום־טוב ווי בײַ אַ מלך.

געלערנט האָט מען תורה, געחלומט פון גאולה,
ווי ס׳חלומען דורשטיקע גייערס נאָך רעגן,
און כאָטש ס׳האָט פון הימל מיט צרות געהאָגלט,
דאָך איז מען משיחן געפלויגן אַנטקעגן.

געווען אויך אַזעלכע מיט פלאַמיקע אויגן,
האַרטע, פון הונגער צעבראַסטעטע מענער,
וואָס האָבן ווי קינדער געוויינט נאָך אַ מאַמען,
ווען פרײַהייט געשווירן בײַם פלאַטער פון פענער.

הײַנט איז פון אַלע קיין זכר נישט געבליבן,
די ייִדישע הײַזלעך דורך גויִים פאַרנומען,
נאָר ס׳רויכערט ווי תמיד דער קוימען דער ווײַסער,
צום הימל צום בלויען, צום הימל צום שטומען.

יאַש, דו ביסט קיין

און האַרבסט איז געקומען,
מיט נאַקעטעביימער, מיט שטאַרבנדיקע בלומען,
ווען הויך אויפן הימל, ווי נאָך גרויליקע שׂרפות,
עס ראַנגלען זיך וואָלקנס — מכשפות,
ווי מעכטיקע אײַזבערג אויף אײַז־קאַלטע ימען.
זיי שווימען און שווימען ענגער, צוזאַמען,
אַזוי ווי זיי וואָלטן מיט שׂכל פֿאַרשטאַנען,
אַז נאָר דורך געמיינזאַמע כּמאַרישע כּוחות,
קאָן דויערן אַ יאָר טויזנט דער גרויער פּרוכת.
דער גרויער פּרוכת וואָס קאָן גאָר פֿאַרשטעלן
די זון און די שטערן, דעם הימל דעם העלן,
די שטראַלן וואָס קומען מיט ליכט ווי צום בענטשן,
מיט ישעיהשן שלום —
דעם אייביקן קריגער וואָס וווינט אינעם מענטשן.
נאָר כאָטש ס'איז שוין האַרבסט,
נאָך געדענק איך דעם פֿרילינג,
איך געדענק נאָך יענע שטורמישע מאַיען,
ווען אַרויס כ'בין אין גאַס די וועלט צו באַפֿרײַען.
דער פּוילישער הימל אַ בלויער הענגט לויטער,
און ס'פֿלאַטערט פֿון פֿענער אַ שטורעם אַ רויטער.
און מענטשן, ווי טײַכן, פֿאַרפֿלייצן די גאַסן,
נישטאָ מער קיין פֿעלקער, ס'איז אויס מיט די ראַסן,
אַלץ איז איין מחנה פֿון שוועסטער און ברידער,
וואָס שווערן זיך טרײַהייט מיט אַרבעטער־לידער...

אָט לויפֿט אָן האַנסל,
מיט ווײַסער טשופּרינע אונטער לעדערנעם דאַשעק,
ער קושט אויס אַברהמלען, ער קושט זיך מיט יאַשעק,
און אין שפּיץ פֿון דער מחנה זע איך מײַן טאַטן —
אוי, האָט אים האַנסל פֿאַרקויפֿט און פֿאַרראַטן.
און יאַשעק — אַ ליגנער, אַ זונה,
געוואָרן איז אַברהמלען פֿון אַ חבר אַ שונא.

און ווען אברהמל האָט גענומען גאָר פרעגן:
יאַש, דו, מײַן חבר, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועגן?
האָט יאַש מיט אַ וואָרענונג פּרעך אים געעצהט:
פֿאַרגעס נישט, אַבראַמעק, האָסט מײַן יעזוס געקרייציקט!
דאָס, זעסטו, כ׳וועל נישט און קאָן נישט פֿאַרגעסן,
אַזוי לאַנג ווי ס׳וועט דויערן מײַן קריסטלעך לעבן.
הײַנט בין איך מיט האַנסן, ס׳איז כשר און רעכט,
ווי גאָט איז מיר ליב, מען ווייסט וואָס מען שעכט...
נישטאָ מער מײַן טאַטע, נישטאָ די חברים,
פֿאַרברענט האָט זיי האַנס.
און דאָס אַש האָט יאַש געוואָרפֿן פֿאַר חזירים.
נאָר ווען אין פּוילן וועט מאַי ווידער קומען,
ווען די פֿעלדער וועלן אויפֿגיין מיט גרינס און מיט בלומען,
וועלן ווידער אונטער פֿענער צעשטורעמטע רויטע,
אַרויס דאָרט מײַן טאַטע און חברים, די טויטע,
זייערע קנאָכיקע פֿינגער אין פֿויסטן פֿאַרבויגן,
און מיט לעבער, ווי אַמאָל די ליכטיקע אויגן,
דורכשפּיזן מיט האַס די פּוילישע גאַס,
וועלכע האָט אין דער שעה פֿון יידישער נויט,
מיט תענוג געשמייכלט מיט שחיטה און טויט,
נישט מיט קיין ליד, נאָר מיט אַ מתים־יללה
וועלן זינגען די טויטע צו פּוילן אַ קללה,
אַזוי אַז ווען יאַש וועט די זוימען פֿאַרזייען,
זאָלן די זאַנגען מיט אומגליק געדייַען.
זאָל זיך בײַ אים דער ווייץ און דער קאָרן
צעוואַקסן אין אַ טרוקענעם שטעכיקן דאָרן
וואָס וועט זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ הילצערנער תליה,
אויף וועלכער יאַש האָט געהאַנגען ישעיהס נבואה.
און ס׳וועט אַזוי הענגען דער צעבראָכענער שאַרבן,
און וועט צאַפּלען אין גסיסה און וועט אַלץ נישט שטאַרבן,
נאָר כאָרכלען דורך דורות מיט פֿאַרשטיקטע געשרייען:
יאַש, דו ביסט קין! יאַש, דו ביסט קין!

און אַ געמורמל וועט אַרויס צווישן גוייִשן פּעבל:
וואָס וויל ער שוין ווידער דער שרייַער, דער הבל,
וואָס קומט ער אונדז ווידער די טעג נאָר פֿאַרדאַרבן.
העי, ברידערלעך! קומט לאָמיר צעמאָלן זײַן שאַרבן!
און צום רוף וועט אַ שפּרונג טון דער גוייִשער עולם,
מיט געזאַנג און מיט טענץ צו הבלס בית־עולם,
דאָרט וועלן זיי מיט שיכּרות און מיט זידלען פּרעכן,
די אַלטע מצבֿות אויף שטיקלעך צעברעכן,
און שפּעטער מיט אַספֿאַלט און גלאַטיקע שטיינער,
אָפּווישן דעם זכר פֿון ייִדישע ביינער.

נאָר פֿאַראַן אויף דער וועלט אַ גאָר מאָדנע השערה,
אַז ס׳האָט הבלס קול אַ מין כּישוף־גבֿורה,
כאָטש שנייַד עס, פֿאַרברען עס, עס קומט נישט צו קבֿורה,
נאָר טראָגט זיך אויף אייביק מיט פֿאַרשטיקטע געשרייען:
יאָש, דו ביסט קיִן! יאָש, דו ביסט קיִן!

איצט איז דער האַרבסט שוין ווידער געקומען,
עס דאַרן דיביימער, עס שטאַרבן די בלומען,
און הויך פֿונעם הימל, ווי פֿון אַ שׂרפֿה־בהלה
פֿון אַ וואָלקן אַ שוואַרצן פֿון אַ שוועבנדיקער עגלה
פֿליִען אויף פּוילן מיליאָנען מתים.
און כאָטש טייל טראָגן פּענער און טייל — טליתים,
פֿליִען זיי אַלע פֿאַרפֿלאָכטן, געאָרעמט.
און שנעל ווי אַ בליץ וואָס רײַסט זיך דורך שטורעם,
פֿאַרויס נאָר פֿאָרויס קעגן גוייִשן פּעבל,
ווי שטענדיק פֿליט אין פֿראָנט דער געשאָכטענער הבל.
און כאָטש ס׳איז זײַן האַלדז פֿון דער האַק נאָך צעבלוטיקט
דאָך ווי אַן אָדלער שוועבט ער דרייסט,
שוועבט ער מוטיק.
און אַן אימה באַפֿאַלט פֿון זײַן רופֿן, זײַן שרייַען: —
יאָש, דו ביסט קיִן!
יאָש, דו ביסט קיִן!

אַ דור ווערט אַוועק

אַ דור ווערט אַוועק באַלד.
אין גלות פון שווײַגן זײַן ליד.
בלײַבן ווערט נאָר אַן עכאָ:
די לעגענדע פון פּוילישן ייִד.

אויף ייִדיש ווערט קיינער מער נישט לאַכן,
און אַפילו — נישט לאָזן אַ טרער.
ווער ווערט אַ ייִדישן זיפץ טאָן,
כ׳בעט אײַך רחמים, זאָגט מיר, ווער?

ווער ווערט דערציילן אַ מעשה
וואָס זאָל זײַן מיט ייִדישן חן,
ווער ווערט פון האַרץ אַראָפּרעדן
אויף ייִדיש דעם ביטערן שטיין?

אַ דור ווערט באַלד אַוועק,
אַ דור וואָס דערקענט האָט די האַק,
אַן ייִדיש ווערט בלײַבן אַ פּאָלק,
אַ בעטלער מיט אַ ליידיקן זאַק...

די צעבלוטיקטע האַנט

דאָרט ווו מײַן זיידנס בילד איז געהאָנגען,
אין מײַן מאַמעס שטוב אויף דער וואַנט,
איז לדורות אַ צייכן געבליבן:
אַ ווײַסע צעבלוטיקטע האַנט.

האָבן די גויִים, אין שטוב פון מײַן מאַמען,
דעם צייכן מיט פאַרבן פאַרדעקט.
דאָך האָט להכעיס זיך ווידער באַוויזן
דער נאַסער, דער בלוטיקער פלעק.

האָבן די גויִים אין ווילדער רציחה,
מיט העק צעטרייבערט די וואַנט —
נאָר ווי אַ כּישוף איז אַלץ נאָך געבליבן
די ווײַסע צעבלוטיקטע האַנט...

האָבן די גויִים צום פלעק זיך געבויגן,
מיט חנופה — געצלמט זיך פרום
האָט די אַלטע וווּנד זיך צעעפנט
בלוטיק, גרויזאַם און שטום.

דאָרט, ווו מײַן זיידנס בילד איז געהאָנגען,
אין מײַן מאַמעס שטוב אויף דער וואַנט,
איז ווי אַ וואָרענונג אויף דורות געבליבן
מײַן זיידנס בלוט און זײַן האַנט...

וואַצעק שטאַרבט

דער אַלטער וואַצעק גייט פון דער וועלט,
די אויגן האַלב שוין פאַרמאַכט,
דורך די שויבן רופט אים שטום און
מיט שרעק — די קאַלטע נאַכט...

די אַלטע וואַצקאָווע ווישט אַ טרער,
מיטן אַרבל פון מעטקאַל־העמד,
און בעט זיך רחמים: יעזוס קרוין! —
און ברעכט, און ברעכט די הענט.

זי ווייסט: אויף וואַצעקן וואַרט נישט קיין גוטס,
דאָס ווייסט אויך יעזוס, איר פאַן.
אונטער איר בעט ליגט אַ מאַנטל פון פעלץ
און אַ ייִדישער טשעמאָדאַן...

זי טראַכט איצט מיט פחד פון יענע פריילעכע טעג,
די טעג פון פרייד און פון רו,
ווען וואַצעק פאַרקויפט האָט אַ זשיד,
און געקויפט זיך אַ נײַע קו...

דער אַלטער וואַצעק גייט פון דער וועלט,
די אויגן האַלב שוין פאַרמאַכט,
דורך די שויבן רופט אים שטום און
מיט שרעק — די קאַלטע נאַכט.

די אַלטע וואַצקאָווע ווישט אַ טרער
און שאַרט זיך בײַ די ווענט,
זי דריקט צום האַרץ איצט אַ טויטן ייִד,
מיט בלוטיק צעלעכערטע הענט.

פאַר וועמען?

פאַר וועמען די פּערזן, פאַר וועמען די לידער,
וועמען דערציילן דעם טויט פון מײַן מאַמען,
פון טאַטן, חברים ווי לײַבלעכע ברידער —
פאַר וועמען די פערזן, די לידער?

פאַר וועמען די בלעטער אין ביכער געבונדן,
פאַר וועמען די צרות, פאַר וועמען די ווונדן,
פאַר וועמען דער בראָך, אויסגעוויינקטער אין טרערן —
ווער וויל דאָס הערן? ווער וויל דאָס הערן?

נאָר שרײַבן, פאַרשרײַבן, מיט בלוט זאָלסט פאַרשרײַבן.
וואָס גייט דיך אָן וועלט? איר צווייפלען, איר גלייבן.
זאָל זײַן אַז די לידער וועט קיינער נישט לייענען,
צי דאַרפסטו הסכמה פון וועמען אויף צו וויינען?

נאָר זאָלסט דײַנע טרערן אין בוזעם באַהאַלטן,
אַפילו ווען האַרץ וועט אויף פּיצלעך זיך שפּאַלטן,
זאָלסט שמייכלען די שונאים אין טרפהנעם פּנים
און היטן, אויסהיטן פון שמוציקן אויער,
דײַן צער און דײַן אומעט, דײַן הייליקן טרויער.

און אַז קומען וועלן טעג פון יענער דערמאָנונג,
גיי דיר צום פעלד ווו ס׳שווײַגן די גראָזן,
דאָרט, ווו דײַן גאָט מיט אַ זאַק אויף די לענדן,
זיצט אייביקע שבעה, אַליין און פאַרלאָזן.

דאָרט טרויער דײַן טרויער. דאָרט צאָרן דײַן צאָרן.
שרײַ אויס פון האַרץ דײַן ביטערן וויי,
און וואַרף דײַנע שונאים אַן אייביקע קללה —
אין זייער טריפהנעם פּנים אַ בלוטיקן שפּײַ...

ווען קין

ווען קין
האָט געגלוסט צו זײַן פּאַר,
נישט געהאָלפֿן
האָט מאָצאַרט און נישט באַך.
נישט געהאָלפֿן האָט
דער אַלטער און נײַער תנ״ך —
ס׳איז קין
אַוועק צו זײַן פּאַר.

און ווען ס׳איז קין
אַרויס אויפֿן שליאַך,
דאָרט אין פֿעלד
ווו הבל האָט געוואַכט,
האָט קין מיט שאַרף פֿון זײַן שווערד,
פֿאַרבלוטיקט
מיט הבלען די ערד...

הײַנט וויל קין
פֿאַרגעסן די זאַך,
קושט ער ווידער דעם אַלט-נײַעם תנ״ך
און מיט לידער
פֿון מאָצאַרט און באַך,
וויל קין
באַהאַלטן זײַן פּאַר.

נאָר הבל, מײַן ברודער, זײ וואַך!
פֿאַרגעס נישט, חלילה,
אַז צוזאַמען מיטן נײַעם תנ״ך
און מיט לידער פֿון מאָצאַרט און באַך,
ליגט באַהאַלטן בײַ קינען אין זאַק
אַ שאַרפֿע בלוטיקע האַק...

פוילן, וועסט באַצאָלן

באַצאָלן וועסטו פוילן, באַצאָלן,
עס וועט דיר נישט ווערן געשענקט
דאָס בלוט פון מײַן פאָלק,
פון מײַנע ברידער,
באַצאָלן וועסט, געדענק!

צום שונא האָסטו זיך פאַרדונגען
און דווקא נישט אויף דער לער,
נאָר ווי אַן אַלטער געניטער מערדער
וואָס קאָן די מלאכה און נאָך מער...

איצט שפּילסטו דעם אָרנטלעכן
כאָטש אַלע ווייסן אַז אַ זונה ביסט — פאַרשטעלט,
וואָס האָט פאַר אַ בלעכענעם דרײַער
פאַרקויפט אַ גאַנצע וועלט.

וואָס האָט פאַר אַ בלעכענעם דרײַער
געלעקט פון שונא דעם קויט
און מײַנע שוועסטער און ברידער
פאַרקויפט צום טויט.

הײַנט ווילט זיך דיר מאַכן פאַראַדן
פון מײַן בראָך, אַ חוזק־שפּיל,
נאָר, וואָס וויל דאָרט מײַן ברודער,
מײַן ברודער וואָס וויל?

דאַרף ער טאַקע העלפֿן די גוייִם
פֿעדלען מיט בלוטיקער סחורה,
צי ווייסט נישט מײַן ברודער
אַז מצורע בלייבט אַ מצורע ?...

אָבער פּוילן, דו ווערסט באַצאָלן,
עס וועט דיר נישט ווערן געשענקט
דאָס בלוט פֿון מײַן פֿאָלק,
פֿון מײַנע ברידער —
געדענק, ווערסט באַצאָלן, געדענק!

אויפן וועג מיטן אייביקן ייִד

1

אַוועק איז מײַן טויב,
אַ ווײַסע אַוועק,
דאָרט וווּ עס שטאַרבן
די שאָטנס פון שרעק,
מײַן שניי־ווײַסע טויב
איז אַוועק.

פאַרשניטן מײַן בוים
וואָס געוואַקסן בײַם וועג,
פאַרשניטן, פאַרשניטן
האָט אַ בלוטיקע זעג
מײַן בוים, וואָס באַשײַנט
האָט מײַן וועג.

אויף נאַקעטן פעלד
כ׳בין געבליבן אַליין,
צו זינגען מײַן ליד
צום האַרץ פון אַ שטיין.

פאָרט אָן אַ פויער מיט אַ וואָגן.
דער פויער אויף דער קעלניע,
דער וואָגן מיט היי,
אַזוי איז אַ פויער
פאַרבײַ מיט געשריי.

פרעג איך בײַם פויער:
פריצל קרוין,
וואָס איז געשען
מיט מײַן ליכטיקן בוים,
וואָס איז געשען
מיט מײַן טרוים?

לאַכט כיטרע דער פּויער,
דער רוצח, דער גוי,
די אויגן — חלפים,
די האָר פון שטרוי,
לאַכט כיטרע
דער גוי.

2

אָהאָ! דײַן בוים יאַנקעלעק,
כ׳האָב מיט אייגענע הענט
די בלעטער אָפּגעריסן,
דעם שטאָם כ׳האָב פאַרברענט,
מיט מײַנע אייגענע הענט.

בין איך מיר אַוועק
צום סוד פונעם וואַלד
דערטאַפּט דאָרט דײַן טויב,
געשאָכטן זי אויף קאַלט,
געמאַכט מיר אַ שחיטה —
אַ שחיטה אין וואַלד.

פאַרבייג איך ווי איוב,
מײַן זיידע, דעם קאָפּ,
אַ מידער פון צרות
פון גויִשן שפּאָט,
ווי איוב פאַרבייג איך
מײַן קאָפּ.

נאָר פּלוצעם אַ שטורעם
דעם הימל צעברענט.
מײַן טויב ווערט אַן אָדלער,
כאָטש לאַנג שוין פאַרברענט;

מײַן טויב האָט צעוואָרפֿן
די הענט.
די טויב טוט אַ פֿלי
דעם גױעץ אַרײַן אין פּנים,
אַ שפּײַ און אַ ברי —
מײַן טויב איז אין גאָלדענעם
גלי.

שפּעטער, כ׳בין אַרויף
אויף היימישן שליאַך,
געשײַנט האָט די זון,
כאָטש געווען איז שוין נאַכט,
אַ זון האָט געשײַנט
אַרײַן אין דער נאַכט.

געשפּאַנט כ׳האָב געשפּאַנט
און נישט געוואָרן מיד,
מײַן טויב איז אַן אָדלער,
מײַן טויב זינגט אַ ליד,
אויפֿן וועג מיטן אייביקן ייִד.

געבליבן זענען נאָר ווערטער

און געבליבן
זענען נאָר ווערטער,
הוילע,
פּוסטע,
אָן זין און אָן מיין,
נאָר וואָס קאָנען זיי שוין זאָגן,
וואָס קאָנען זיי שוין זאָגן,
אַז פאַרשפּעטיקט
האָבן אַלע פאַרטאָגן,
געבליבן נאָר זיי,
אַ לאַנגע לאַנגווײַליקע ריי,
פון הוילע
פּוסטע,
גאָרנישט־זאָגנדיקע ווערטער.

אָ, ווערטער מײַנע, ווערטער,
וויפל פײַנע געדאַנקען
בײַ אײַך אַמאָל געווען,
וויפל לאָגיק,
יעדער וואָרט — זײַן אָרט,
יעדער אות —
אַ פולער כוס מיט זיסן שכל,
איצט געבליבן נאָר
דער חוזק פון אַ שמייכל,
און אַ הייב פון ברעמען,
נישט מער אײַך צו דערקענען,
הוילע פּוסטע רייד —
ווערטער.

אַ בוים אויפֿן וועג

אַ נאַקעטער שטייט איצט מײַן בוים אויפֿן וועג,
כאָטש פֿרילינג איז לאַנג שוין געקומען,
און דאָרט ווו אַמאָל איז מײַן גאָרטן געווען,
בליִען איצט סמ׳איקע בלומען.

פֿאַרלאָשן מײַן זון, איר ליכט איז אַוועק,
מײַן הימל — גאָט האָט פֿאַרלאָזן,
און דאָרט ווו אַמאָל האָט מײַן חלום געטרוימט,
וואַקסן איצט שטעכיקע גראָזן.

אומזיסט פֿלאַטערט ווידער מײַן פֿויגל אין וואַלד,
זײַן נעסט וועט ער מער נישט געפֿינען,
און כאָטש זײַן טאָג איז נאָך ווײַט נישט פֿאַרבײַ,
דאָך נאַכטיקט אַזוי פֿרי זײַן באַגינען.

אַ נאַקעטער שטייט איצט מײַן בוים אויפֿן וועג,
כאָטש פֿרילינג איז לאַנג שוין געקומען,
און דאָרט ווו אַמאָל איז מײַן גאָרטן געווען,
וואַקסן איצט טויטע בלומען.

##ביימער

ביימער,
שוויַיגנדיקע, שטומע,
מיט דאַרע אויסגעשטרעקטע צווײַגן,
וויפל צער
סע ליגט אין אײַער שוויַיגן ?
וויפל צער סע ליגט אין אײַער שטומען
ווייסט נאָר דער פויגל,
וואָס האָט בײַ אײַך אַ נעסט געזוכט
און נישט געפונען.

ביימער,
שוויַיגנדיקע, שטומע,
מיט נאַקעט־אומעטיקע צווײַגן,
אָ, נישט אײַער שולד איז
וואָס גאָט האָט אײַך פאַרמשפּט שוויַיגן,
נישט אײַער שולד
וואָס פרילינג נישט געקומען נאָר,
נאָר גרויס דער צער איז, גרויס,
אַ פויגל האָט בײַ אײַך אַ נעסט געזוכט
און זי נישט געפונען...

ערב פּורים אין געטאָ

שוין געצונדן יום־טוב־ליכט,
ס'איז פּורים הײַנט בײַ נאַכט,
נאָר אינדרויסן בײַ דער שטעכלדראָט,
שטייט המן אויף דער וואַך,

ער היט דאָ מרדכי'ס קינדערלעך,
זיי זאָלן נישט אַוועק,
און גרייט זיי צו אין וועג אַרײַן,
אויף דער באַן פון שרעק...

דאָר פלעמלען זיך די יום־טוב־ליכט,
כאָטש ליידיק איז דער טיש,
מען לייענט דאָ די מגילה,
און אין חלום עסט מען פיש...

מען לייענט דאָ די מגילה,
מען לערנט פון איר נבואה,
נאָר דרויסן אין דער הפקר־נאַכט
גייט מרדכי צו דער תליה...

אסתר די נייטאָרין

אַ ווייסער שנייי
וואַקסט אויף די ווענט,
ווו אסתר זיצט און נייט,
זי נייט און נייט מיט דאַרע הענט,
פאַר המנס ווײַב אַ קלייד.

איך גוטער פעטער, מרדכי,
הוסט און שפּײַט מיט בלוט,
דאָך טרייסט ער אַלץ זײַן אסתר:
וועסט זען, ס׳וועט זײַן נאָך גוט,

ווען, מיין גוטער פעטער,
זאָג מיר, מרדכי קרוין,
דו ווייסט אַז נישט געבליבן באַלד
ווער ס׳זאָל דאָ שטאַרבן שוין...

ערשט נעכטן האָט מען חנהס
אַלע זיבן זין,
פאַרשלעפּט אין רויטע באַנען,
ווייסט דו וואַהין?

וויגט זיך דער פעטער מרדכי
ווי אַ זאַנג אין פעלד,
וואָס קאָן ער זאָגן אסתרן,
אַז וויסט איז אים די וועלט.

ווי קאָן ער זאָגן אסתרן
פון צווילינג שלחמנות,
וואָס המן האָט שוין צוגעגרייט —
אַ תליה און אַ תענית.

שווייַגט דער פעטער מרדכי,
קוקט שטום אויף ווייַסע ווענט
און ס׳וויינען שטיל פון צרות
אסתרס דאַרע הענט...

פורים אין געטאָ

מרדכי הצדיק גייט צו דער תליה,
און אסתר קלאָגט און וויינט,
געווען איז דעמאָלט פרילינג אין געטאָ,
אַ זון האָט ליכטיק געשייַנט.

דער שטאָטישער מאַרק איז פול מיט גוייִם,
פאַרזאַמלט דאָ קינד און קייט,
זיי מאַכן זיך הײמלער פון מרדכיס מפּלה,
און ווינקען ווי זונות פאַר פרייד.

המן הרשע לייענט פון טויט אַ מגילה,
זיַין פּרצוף שוויצט פון גליק,
און זרש, זיַין ווייַב, מאַכט ווילדע הוויות
און רייצט זיך מיטן שטריק...

נאָר מרדכי שפּאַנט ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ מלך,
זיַין לעצטן שטאָלצן גאַנג,
אין הער נאָך הייַנט ווי ס׳שעפּטשען די ליפּן
זיַין אומעטיק יחוס־געזאַנג.

נאָר פורים אין געטאָ האָט נישט קיין ניסים,
דאָס ווייסט דאָך גרויס און קליין,
ווען איך מרדכיס סוף נישט דערציילן,
איר קאָנט אים גוט פאַרשטיין...

נאָר דאָך איז געשען אַ מאָדנע געשיכטע,
יענעם פּורים פאַרנאַכט,
ווען מרדכי איז שוין אַ טויטער געהאָנגען,
האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט.

אַזוי איז געווען אַ פּורים אין געטאָ,
ווי גוט כ׳געדענק אים נאָך הײַנט,
מרדכי אין אויף דער תּליה געהאַנגען,
און אַ זון האָט ליכטיק געשײַנט...

בילד פון לאָדזשער געטאָ

שווײַגט אַ הויז אין געטאָ,
די פענצטער — פאַרלאָשענע אויגן,
דער אָוונט איז מיט פיבער
אויף װראַנעס אָנגעפלויגן.

שווײַגט אַ הויז אין געטאָ,
ווי אַ סוד פאַרמאַכט,
מײַן טאַטן האָט דער הונגער
געשאָכטן אין אָט דער נאַכט.

שטיל איז איצט אין הײַזל,
ווי אַ קבר שטיל,
און אַ טויטער ליגט מײַן טאַטע,
אויפן האַרטן דיל.

שווײַגט דאָס הויז אין געטאָ,
און כליפּעט שטילערהייט,
ברויט וועט זײַן פון טאַטן,
פון טאַטן טויטערהייט...

און דאָך...

און דאָך...

און דאָך וועל איך נישט פֿאַרלייקענען
די וועלט.
כאָטש אַלע וועגן
האָט זי מיר פֿאַרשטעלט,
אַלע טירן מיר פֿאַרמאַכט,
און געוואָרפֿן מיך צום הפֿקר
פֿון וויסטער נאַכט,
קאָן איך אַלץ נישט פֿאַרלייקענען
די וועלט.
כ'האָב אויף איר
אַזוי פֿיל געשטעלט,
אַזוי פֿיל געגאַרט,
און זי האָט מיך ביטער, ביטער
אָפּגענאַרט, —
וועל איך אַלץ נישט פֿאַרלייקענען
די וועלט.

אַ קאָרטן־שפּיל

דער טאָג מיט דער נאַכט
האָט אַ קערטל געמאַכט,
אויפֿן טיש האָט געררויטלט דער ווײַן.
דער טאָג האָט אין קאָן
די זון אײַנגעשטעלט,
די נאַכט — איר שוואַרצן געביין.

אַוועק איז אַ שפּיל
שאַרף, אָן אַ וואָרט,
חלילה פֿאַרראַטן די האַנט.
געפֿאַלן אויפֿן טיש איז אַ קאָרט
נאָך אַ קאָרט,
אַ קאָרט פֿון גורל געאַנט...

אַזוי אָפּגעשפּילט האָט אַ טאָג
מיט אַ נאַכט,
ווי ס׳פּאַסט פֿאַר קאָרטנשפּילערס צוויי —
די נאַכט איז אַ מידע שלאָפֿן אַוועק
ווען האָן געטאָן האָט אַ קריי...

דער טאָג איז אַוועק
זײַן אייביקן וועג
צום לעבן פֿון גרויסן יאַריד.
פֿאַרויס פֿליט די זון
אויף אַ ליכטיקן שטראַל,
געשפּאַנט אין אַ גאָלדענעם ליד.

דער טאָג מיט דער נאַכט
האָט אַ קערטל געמאַכט,
אויפֿן טיש האָט געררויטלט דער ווײַן.
דער טאָג האָט אין קאָרטן
זײַן לעבן פֿאַרשפּילט,
די נאַכט — איר שוואַרצן געביין...

אַ וואַלד פון גיגאַנטן

אַ וואַלד
פוןביימער גיגאַנטן,
מיט גרינע
צעשויבערטע קעפּ,
סודלט זיך, סודלט זיך, סודלט
מיט ווינט,
וואָס געקומען פון סטעפּ.

דער וואַלד
וויל דווקא נאָר וויסן,
פון ווינט
וואָס ווייסט אַלע וועגן,
צי האָט ער אַמאָל נישט געטראָפן
אַ וואָלקן וואָס בלאָנדזשעט
מיט רעגן?

צי האָט ער אַמאָל
נישט געטראָפן
אַ וואָלקן,
אַ וואָגלער, אַליין,
וואָס טראָגט אין זײַן בוזעם
דעם גרויען,
אַ האַרץ,
פול מיט געוויין?...

וויגט זיך דער וואַלד
פון גיגאַנטן,
מיט גרינע צעשויבערטע קעפּ
און ס׳לאַכט אין די צווײַגן
צעשפּרייטע
מיט הפקר
דער ווינט פונעם סטעפּ.

לטובת דער נאַרישער ציג

אינדרויסן מרוזשעט די אויגן דער טאָג,
די זון אויפן הימל פאַרגייט.
אַט שווימט זי אַוועק אויף אַ גאָלדענער שיף,
אין ברוין־בורשטינענעם קלייד.

דער טאָג ווערט אַ זקן און שלייַכט זיך אַוועק.
דער זייגער שעפּטשעט: ס'ווערט שפּעט!
באַלד ציט ער אויס זייַנע קאַפּיטעס
בייַ אים — אין ליכטיקן בעט.

דאָרט וואַרט שוין אַ מלאך,
(דאָס איז דאָך זיכער באַשטימט),
אין ווייַס־געקראָכמאַלעטן קלייד.
ער נייגט זיך מיט ערע טיף פאַרן טאָג
און שמייכלט מיט שעלמישער פרייד.

דער מלאך איז גרייט
און גרייט איז די וויג,
אַ זמרל בלעקעצט ווער סתם.
אַזוי בענקט איר ניגון אַ נאַרישע ציג,
מיט אויגן בלוי ווי אַ תם.

דער טאָג איז אַוועק; נאָר האָט נישט קיין שרעק,
מאָרגן קומט ער ווידער צוריק,
דאָס טוט ער להכעיס דער פינצטערער נאַכט,
און לטובת דער נאַרישער ציג...

אין גרינעם שלאָס

אויף אַ בוים, אין גרינעם שלאָס,
האָט אַ קוקו אויסגעבויט אַ נעסט,
און פאַרנאַכט אָנגעקומען איז
די לבנה איר צו גאַסט...

האָט די קוקו זיך צעזונגען
פון איר לעבן דאָ אַליין,
און לבנהס האַרץ צעבראָכן —
פאַרטרערט איר בלאַסן שײַן.

מיט פאַרוויינטע געלע אויגן
איז לבנה שטיל אַוועק,
און דורך שפּאַרעס אין אַ וואָלקן
זי קוקט די קוקו אָן מיט שרעק.

נאָר די קוקו זינגט אַלץ ווײַטער
פון איר לעבן ווער און ווי,
כאָטש זי האָט געבויט אַ נעסט דאָ,
איז זי גראָד נישט פון הי...

פרעמד איז דאָ דער אָוונט־הימל,
און דעם בוימס צעצווײַגטער חן,
ווינען ווינט זי אין אַ פּאַלאַץ,
און איז היימלאָז אין איר היים.

אויף אַ בוים, אין אַ שלאָס אַ גרינעם,
צווישן גרינע בלעטער־ווענט,
זינגט אַ קוקו אויס איר עלנט
און איר גלותדיקע פרעמד.

אַ שמייכל

טרעפסט אַמאָל אַ שמייכל ווו
און מיינסט: די זון ט׳געגומען שיינען,
הערסט אַמאָל אַ לאַכן ווו
און ביטער ווערט, צום וויינען...

הערסט אַמאָל אַ ווערטל צו,
און מיינסט: משיח איז געקומען,
הערסט אַמאָל אַ ווערטל צו.
און ווילסט אויף אייביק שטומען...

טרעפסט אַמאָל אַ פרעמדן מענטש,
און מיינסט: אַ לעבן אים געקענט,
קענסט אַ מענטש אַ לעבן לאַנג
און ער בלייבט דיר פרעמד.

ביסט אַמאָל אין פוסטן פעלד
און פילסט זיך נישט אַליין,
ביסט אַמאָל מיט מענטשן פיל —
עלנט ווי אַ שטיין...

אַ רגע יוגנט

בעסער איין רגע נאַיִווע יוגנט
ווי אַ זאַק מיט אַלטער חכמה, די בעסטע,
בעסער דער אומרו פון טומל, דעם מיאוסן,
ווי די שטילקייט פון קברים, אַפילו די שענסטע.

בעסער זינד פון אַ פלאַמיקן לעבן,
ווי צניעות געזאַמלט דורך צרות און טרערן,
בעסער איז אויסגיין פון גרויס פאַרגעניגן,
ווי דווקא אַ צדיק אַ גרויסער צו ווערן.

בעסער אין יוגנט דאָס אייביקע וואַגן,
ווי שטענדיק אין זיקנה באַרעכנטע וועגן,
בעסער דעם צווייַגל געשמיסן פון שטורעם,
ווי דעם פלאַנץ אין צימער, באַשיצט פונעם רעגן.

בעסער נאַיִווע יונגע אילוזיע,
ווי אַלטע פאַרוועלקטע פּראַקטישע זאַכן,
בעסער דעם אָדלער, וואָס שנייַדט דורך די הימלען,
ווי דער קלוגער סאָוועס בייַנאַכטיק לאַכן...

אַ בוים און אַ ווינט

אויף אַ פעלד שטייט אַ בוים
איינזאַם, אָפּגעדאַרט,
זײַנע בלעטער שוין לאַנג פאַרוועלקט
און פון פרילינג אָפּגענאַרט.

רופט צום בוים אַ יונגער ווינט: —
היי! דו אַלטער זקן,
ס׳איז דײַן צײַט שוין לאַנג פאַרבײַ,
מעגסט פון וועג זיך שוין אָפּרוקן.

קוקט דער בוים צום ווינט אַרויף,
קוקט מיט שטומע צווײַגן,
און אַ מעשה פול מיט צער
דערציילט ער דורך זײַן שווײַגן...

ווערט בײַם ווינט דאָס האַרץ פאַרקלעמט,
פאַרקלעמט ביז סאַמע טרערן,
יאָגט ער אָן אַ וואָלקן גיך,
ס׳זאָל באַלד אַ רעגן ווערן.

שפּראָצט אַרויס אַ גרינער שפּראָץ
אויפן שפּיץ פון בוים,
און דער זקן חלומט ווידער
פון אַ גרינער קרוין.

פליט דער ווינט מיט טרוים אַוועק,
פליט צום בלויען הימל,
און דער בוים שלאָפט רויִק אײַן
מיט אַ זיסן דרימל...

איצט, קושט דער ווינט די צווײַגן אויס,
דעם גרינעם שפּראָץ אַפילו,
וואָס דאַנקט דעם יונגן ווינט
מיט אַ שטילער תפילה.

אַ פּרוי

די פּירער בײַ זיי מיט בלעכלער באַהאָנגען,
מיט שליפּעס, מונדירן אויף גרין און אויף גרוי —
בײַ אונדז, כ'מיין בײַ ייִדן אין מלכות־ישׂראל,
געפֿירט האָט די מדינה אַ פּשוטע פּרוי...

נאָר אויגן בײַ איר, ווייכער ווי סאַמעט,
זיי לויכטן מיט ליבע, חכמה און חן,
און גליִען ווי פֿײַער, מיט פֿלאַמיקן שטורעם,
שׂונא זאָל נישט שטערן ווו אַ ייִדישער היים.

און ווען זי באַווײַזט זיך מיט הויך־דיפּלאָמאַטן,
קיין בלעכלער, קיין שליפּעס באַצירן נישט איר קלייד,
פּשוט אויף ייִדיש זי גריסט זיך מיט אַלע,
און ליכטיקער ווערט פֿון איר ייִדישער פֿרייד.

אַ פֿרייד וואָס ברענגט האָפֿענונג
אויף בעסער, אויף שענער, פֿאַר מאָרגן דער וועלט.
דו זעסט נעבן גאָלדען די פּירער מיט בלעכלער?
זיי זענען ווי קלאָונען אויף פּורים פֿאַרשטעלט.

די פּירער בײַ זיי — מיט בלעכלער באַהאָנגען,
מיט שליפּעס, מונדירן אויף גרין און אויף גרוי,
בײַ אונדז, כ'מיין בײַ ייִדן אין מלכות־ישׂראל,
געפֿירט האָט די מדינה אַ ייִדישע פּרוי.

גאָלדעס תפילה

זיצט די מאַמע גאָלדע
אויף אַ שוועל פון הויז און וואַרט,
אפשר וועט דער פּאָסטן־טרעגער
ברענגען היינט אַ קאַרט ?...

ערשט נעכטן אירע קינדער
אין אַ פייער־שלאַכט אַרויס,
קוקט זיך היינט די מאַמע גאָלדע
אירע פייכטע אויגן אויס.

שווער איז אויפן האַרצן איר,
שווער ווי שוואַרצער שטיין,
אָ, גאָט, ברענג מיינע קינדער מיר
בשלום צוריק אַהיים.

פֿאַרשידן

פֿאַרשידן איז דער מענטש: —
איינער איז אַ קרומער,
אַ צווייטער אַ גלײַכער,
דער דריטער אַ האַרטער,
און אַ פֿערטער גאָר אַ ווייכער.

איין מענטש איז אַ גראָבער,
אַ צווייטער — נאָדל־דין,
איינער אַ פֿליג,
און איינער אַ שפּין.

איין מענטש לעבט אויף בײַ נאַכט,
אַ צווייטער — בײַ טאָג,
איינער — אַ געבוירענער פֿרײַנד,
דער צווייטער — אַ פּלאָג.

איין מענטש בענקט צו גאָרנישט,
דעם צווייטן איז שטענדיק באַנג,
איינעם ציט צום פֿויגל,
און אַ צווייטן צו דער שלאַנג.

איין מענטש איז אַ צווייפֿלער,
אַ צווייטער איז זיכער ווי טאָג,
דער ערשטער זוכט נאָר יושר,
דער צווייטער די פֿאַלשע וואָג.

איין מענטש איז לויטער גוטס,
אַ צווייטער — ביטער שלעכט,
דער ערשטער וויל נאָר פֿאַרשטיין,
דער צווייטער רק זײַן גערעכט.

אַזוי פֿאַרשידן איז דער מענטש,
און אַזוי וועט ער שטענדיק זײַן,
יעדער איינער — אַ וועלט פֿאַר זיך,
און אַ סוד נישט צום פֿאַרשטיין.

★

שפּאַנט אַ לעבן אין סטאַדע,
בלײַבט דאָרט אַ יתום אַ קינד,
וואַקסט אַ צווײַג אויף אַ בוים,
ענדיקט אַ בלאַט זיך אין ווינט.

אַ בלאַט, וואָס חלומט אין פרילינג
צו ווערן די קרוין פונעם בוים,
קומט דער האַרבסט ווערט ער פאַרמשפּט
צו פאַלן אין וועלקנדיקן טרוים.

דער זייגער

ניט די זון
און ניט דער שטורעם
שטערן דעם זייגער
אויפן טורעם,
שטענדיק זינגט ער
דעם זעלבן קלאַנג —
דינג, דאַנג, דאַנג,
איז אומעטיק דעם טורעם
און אויפן האַרצן באַנג...

ניט דער טויט,
ניט דאָס לעבן,
ניט דעם מענטשנס
האָפענונג, שטרעבן,
פאַרשטומען קאָנען אָט דעם קלאַנג,
אַזוי אומעטיק איז אין טורעם
און אויפן האַרצן באַנג...

נאָר בלויז די נאַכט
וואָס פאַלט פון הימל
אויף אַ שטאָט
אין טיפן דרימל,
שרעקט זיך פאַר דעם זייגערס גאַנג: —
דינג, דאַנג, דאַנג,
אַזוי אומעטיק דעם טורעם,
און אויפן האַרצן איז באַנג...

ווער ווייסט

ווער ווייסט
וויפל יאָרן האָט אַ מעת־לעת,
וויפל לעבנס — אמת,
וויפל טעג אַ שלאָפלאָזע נאַכט,
וויפל מפּלות אַ געווונענע שלאַכט,
ווער ווייסט
ווער ווייסט ?

ווער ווייסט
וויפל נאָענטקייט ליגט ערגעץ ווײַט,
וויפל טרויער איז אין פרייד,
וויפל שנאה ליגט אין קוש,
ווער ווייסט,
ווער ווייסט ?

ווער ווייסט
וויפל טריט איז אַ לעצטער וועג,
וויפל האָפענונג שטאַרבט אין שרעק,
וויפל חושך פאַרמאָגט די זון,
וויפל זאָגט דאָס וואָס איז שטום —
ווער ווייסט,
ווער ווייסט ?

זון־פאַרגאַנג

זון־פאַרגאַנג,
פאַרביק שוואַנען־געזאַנג
פון טאָג,
וואַנדערט
נע־ונד און מיד,
פון עולם־הזהדיקן יאַריד,
צום ווײַטן, ווײַטן
האָריזאָנט,
וווּ גאָט,
מיט רחמימדיקער האַנט,
שפּרייט אויס
דאָס קאָסמישע געוואַנט
און טרייסט דעם טאָג
וואָס איז מאַט און מיד,
מיט אַ הימליש צאַרט ליד,
מיט אַ תּפילהדיק געזאַנג: —
דערלעבּ
נאָך אַ ליכטיקן אויפגאַנג.

די צייט

די צײַט איז אַן אומרו
און וויל דווקא נאָר לויפֿן,
דעריאָגן דעם סוף פֿון די טעג.
זי ווייסט נישט איר גורל,
אַז גאָט האָט זי פֿאַרמשפּט
צו בלײַבן אייביק אין וועג.

די צײַט איז אַן אומרו,
נאָר זי וועט נישט אַנטרינען
אַפֿילו בײַם סוף פֿון די טעג.
דער סוד פֿונעם לעבן
ליגט נישט אין געפֿינען,
נאָר אין פֿאַרלווירענעם ברעג.

און דער ברעג ליגט באַהאַלטן
זינט טויזנטער יאָרן,
זינט טויזנטער דורות אַ גאַנג,
ער ליגט אין אַ כּישוף,
אין פּראַכט פֿון קאָלירן,
פֿון פֿאַרביקן זון־אויפֿגאַנג און
פֿאַרגאַנג.

ווי גיך דער זומער איז פאַרפלויגן

דאָס פעלד וויגט זיך ווי אַ גרינער ים,
דער האַרבסט איז אויף ווינט אַנגעפלויגן.
טרויעריק קוקט ס׳גראָז צום הימל —
מיט גרינע פאַרכמורעטע אויגן.

דאָס האַרץ בײַם גראָז פאַרקלעמט איז,
די ביטערע לאָגיק פאַרשטאַנען
נישטאָ מער קיין וועג פון צוריק,
ווען צײַט איז געקומען צו וויאַנען.

דאַוונט דער גרינער ים
אַ תפילה צו גאָט פון דער וועלט,
אַ דאַנק דיר, מײַן זון, מײַן רעגן,
פאַר פשוטן לעבן אין פעלד.

ווי גראָ געלעבט כ׳האָב בײַ ערד,
דאָך האָב איך צום הימל געגאַרט,
פאַרליבט אין דער בלויקייט געווען,
אַפילו ווען זי האָט גענאַרט.

וויגט זיך דאָס פעלד ווי דער ים,
האַרבסט איז אויף ווינט אַנגעפלויגן,
די גראָזן — געל און דערשטוינט: —
ווי שנעל איז דער זומער פאַרפלויגן!

אומעט

אומעט,
אייביקער וווינער
אין מײַן האַרצנס דירה,
אַ, ווי פּײַן
דו האָסט זיך בײַ מיר אײַנגעאָרדנט,
זיך באַקוועם געמאַכט,
ווײַל איך פון דיר פרײַ ווערן,
שמייכלסטו און לאַכסט.
נאָר אַפילו דײַן לאַכן
איז אומעטיק,
אומעטיק,
ווי אַ פאַרשפּילטער טאָג,
וואָס ראַנגלט זיך פאַרלוירן
און באַנג,
מיט אומפאַרמײַדלעכן זונפאַרגאַנג.

אַזוי ביסטו מײַן אומעט,
דו אייביקער באַוווינער
פון מײַן האַרצנס דירה.

ווער קאָן דאָס פֿאַרשטיין?

איבער שטורמישע ימען
פֿאַלט אַ דינער שניי,
אויפֿן גרויען הימל
פֿליִען מעוועס צוויי.

פֿליִען זיי און פֿליִען
די מעוועס אָט די צוויי,
אויפֿן גרויען הימל
פֿלעקן ווײַס ווי שניי.

ביז געבליבן איז בלויז איינע,
אַ מעווע גאָר אַליין,
שוועבט זי שטום און טרויעריק. —
ווער קאָן דאָס פֿאַרשטיין?

לבנהס גורל

טראַכט די לבנה
וואָס הענגט אויפֿן הימל
איבער איר גורל
און פֿינצטערן זײַן,
אָפּגעלעבט אַ לעבן
אין סביבה פֿון די שטערן,
און אַליין גאָר געבליבן
אָן אייגענעם שײַן?

ווי קומט, טראַכט לבנה,
אַז זון, די מיוחסת,
וואַרפֿט זיך מיט שטראַלן
און ווערט נישט פֿאַרשווענדט,
זי צינדט זיך אין פֿײַער
פֿון אייגענעם פֿלאַקער,
און ברענט ווי אַ שׂרפֿה
און ווערט נישט פֿאַרברענט.

ווערט בלאַס די לבנה
וואָס הענגט אויפֿן הימל,
אַ טראַגישער שפּאַס
איר גורל פֿון זײַן,
איר ליכט ווערט באַוווּנדערט
פֿון טויזנטער מענטשן,
און זי איז גאָר פֿינצטער,
און לעבט אָן אַ שײַן...

לבנהס געלעכטער

האָט לבנה געלאַכט מיט אַ געל געלעכטער,
איבער דעם אַלטן געפּרווירענעם וועכטער,
וואָס וואַכט ווי אַ הונט אין אײַזערנעם טויער,
און קלאַפּט מיט שטיוואַלעס אַרום שטײנערנעם מויער.

דאָרט, אונטער דער מויער אין שטײנערנע לעכער,
וואַכן מיט אומרו אורקעס פאַרברעכער,
וואָס ציילן די פּוסטריט פון אַלטיטשקן וועכטער,
און זידלען מיט קללות אין זין און אין טעכטער.

און ס׳טראַכטן די אורקעס מיט גאוה פון שלעסער,
פון שטילע גנבות מיט שפּיציקע מעסערס,
און טראַכטן פון אַלטע פון ווילדע עבירות
פון וויטישע יאַטן און פײַער־נקבות,

וואָס פלעגן מיט רחמים די בוזימס אַנטפּלעקן,
און צערטלען און שפּילן און קושן זיך בעטן,
און קונציק גאָר ביטרע, מיט נקבהשן לינדער,
שטילן דאָס פײַער אין די אורקעס, ווי קינדער.

נאָר דעמלט ווען די נאַכט ווערט גרויער
ווען ס׳טוישט זיך די וואַך בײַם אײַזערנעם טויער,
ווען די געלע לבנה ווערט בלאַסער און בלאַס,
שמייכלען די אורקעס פון חלום מיט האַס,

מיט האַס צו די שטײנער אין געשלאָסענעם טויער,
מיט האַס צו דער וועלט וואָס אויף יענער זײַט מויער,
מיט האַס צו דעם אַלטן געפּרווירענעם וועכטער,
פון וועלכן לבנה מאַכט ס׳גרעסטע געלעכטער...

פאַרבלוטיקטער צאָפּ

וואָס איך וויל דאָ דערציילן
איז דווקא גאָרנישט פריילער,
דאָ גייט וועגן אַ מלכּה אַ חצופה,
וואָס האָט פאַרראַטן איר מאַכטיקן מלך.

געשען איז עס דעמלט ווען די שונאים
האָבן קעגן לאַנד געפירט אַ מלחמה,
ווען ס׳האָבן מויערן זיך געשאָקלט
און אין שלאָס האָט געהערשט אַ מהומה.

נאָר דער מלך איז געווען אַ בר־מזל
און דערצו נאָך אַ העלדישער קריגער,
האָט ער וואַזשנע געשלאָגן די שׂונאים
און געקומען אַהיים ער אַ זיגער.

אָבער, ווי נאָר דער העלדישער מלך
איז פון קריג אין שלאָס אָנגעקומען,
האָט ער זײַן מלכּה די שיינע
אין בעט אַ באַזיגטע געפונען...

האָט דער מלך, מיט כּעס פון אַ שלאַכטמאַן,
געכאַפּט די מלכּה בײַם צאָפּ,
און מיט זײַן שטאָלענעם מעסער
אָפּגעשניטן פון איר קערפּער דעם קאָפּ.

איצט לעבט דער מלך פֿאַראיינזאַמט,
אַליין, פֿאַרשלאָסן אין זײַן מויער,
און דאָרט, מיט ביטערער משקה,
פֿאַרגיסט ער זײַן צער און זײַן טרויער.

און ווען ווי לוט ער ווערט שיכור
וואַרפֿט ער די קרוין פֿון זײַן קאָפּ,
און קושט, מיט ליפּן פֿאַרברענטע,
דער מלכּהס פֿאַרבלוטיקטן צאָפּ...

שניי־מענטשן

מענטשן פון שניי,
אויגן פון מײַז,
נשמות פון פראָסט,
הערצער פון אײַז.

ווינטער אַוועק
פּאַר מענטשן פון שניי,
אַ בלאָטע געוואָרן איז
דער געפרוירענער מאַי.

אַ זיפץ און אַ קרעכץ,
ס׳פּנים ווערט שוואַרץ,
מיט בלאָטע ווײַנט איצט
אַ געפרוירן האַרץ...

ווּ לויפסטו, מענטש?

און דער מענטש האָט מער נישט קיין אילוזיעס,
זײַן חלום שפּינט איצט אַ מאַשין,
וואָס גרעגערט מיט טעכנישע קולות
און שפּריצט מיט ברוינעם בענזין...

די יונגע לעבן אָן אידעאַלן,
מיט ווילדע צעשטאָכענע הענט;
נישטאָ מער קיין ווילן צו שטורמען
באַסטיליעס, מויערן, ווענט.

אין מיזרח הענגט די זון פאַרלאָשן,
כאָטש ס׳פלאַקערט דער הימל דאָרט רויט,
עס וויסן שוין אַלטע און יונגע,
אַז דאָרט קיניגט דער מלאך פון טויט.

אין מערב — נישטאָ מער קיין געטער,
מען בוקט זיך נאָר צום בענזין
און אַ תפילה זאָגט מען צום מאָרגן,
ווען גאָט וועט זײַן אַ מאַשין...

און דער מענטש האָט מער נישט קיין אילוזיעס,
זײַן חלום הײַנט שפּינט אַ מאַשין,
וואָס פרעגט אים די אייביקע פראַגע: —
ווּ לויפסטו מענטש, וואוּהין?...

אַ פּאָרפּאַלק

שוין אַלע ווערטער אויסגערעדט,
זיצן איצט ביידע שטום,
ס'פּלאַפּלט נאָר דער וואַנט-זייגער,
זײַן אומרו וויגט זיך פרום.

שוין אַלע ווערטער אויסגערעדט,
דאָס צימער הויל איז און שטיל,
אינדרויסן, צו דער נאַכט דער טויבער,
זינגט אויס איר האַרץ אַ גריל.

מיט שרעק און צער זי קוקט אויף אים,
הלמאי טראַכט ער כסדר און טראַכט?
די לבנה שווימט פאַרביי דער שויב
אויפן שוואַרצן ים פון דער נאַכט.

מיט רחמים פרעגט שטום איר אויג,
ער ענטפערט: ווייס איך, עט...
פון ווינקל לאַכט צו זיי די פּערענע
מיט חוזק אַרויס פונעם בעט...

ווּ ביסטו, מיין זוניקער טאָג?

אַוועק איז די זון צווישן בערג.
דער בוים האָט זײַן קאָפּ אײַנגעבויגן.
ער וויגט זיך אַזוי ווי צום שלאָף,
מיט גרינע פאַרשלאָסענע אויגן.

דער הימל ווערט גרויער פון גרוי
און עס לעשט זיך שקיעה שוין אַצינד,
ווּ ביסטו מײַן זוניקער טאָג —
אַוועק ביסט מיט נעבטיקן ווינט?

ווּ ביסטו מײַן זוניקער טאָג,
אַ לעבן אויף דיר כ׳האָב געוואַרט,
דו האָסט מיר אַזוי פיל פאַרזאָגט
און ביטער, ביטער מיך גענאַרט...

די דאַמע מיטן לץ

צווישן פעלדער, צווישן וועלדער,
אין אַ שלאָס פון אויסגעטראַכטע ליגנס,
האָט געוווינט אַן אַלטער שווינדלער,
וואָס פלעגט נאַרן גרויסע און קינדער.

מיט אים אין שלאָס, צוזאַמען
האָט געוווינט אַ דאַמע אַ ווילדע,
וואָס מיט כישוף, די מכשפה
האָט פאַרקויפט אי קוש אי שרפה.

פלעגן מענטשן זיך אָנדערציילן,
נישט קיין מעשיות צום פאַרווײַלן,
נאָר גאָר אויסטערלישע וווּנדער,
פון דער דאַמע מיטן שווינדלער: —

אַז געקומען דאָ אַהער
איז אַמאָל אַ רײַכער הער,
רײַך אין גאָלד און רײַך אין געלט —
האָט פאַרמאָגט אַ האַלבע וועלט.

און מען פלעגט ווײַטער זיך דערציילן: —
נאָר אַ נאַכט פון טרינקען און ווײַלן,
האָט מען אָט דעם הער געפונען
אָדם־נאַקעט, טויט אין ברונעם.

און אַ צווייט מאָל האָט געטראָפן,
ווען די שטאָט איז נאָך געשלאָפן,
אין אַ מאָרגן שטיל און גרוי,
האָט מען אַהער פאַרשלעפּט אַ פרוי.

ווייסט נישט קיינער וואָס און ווען,
שוואַרצער סוד איז וואָס געשען.
טאַקע גאָרנישט צום פאַרשטיין, —
ווּהין אַוועק איז איר געביין?

איצט, שוין יאָרן פיל פאַרביי,
ווינטער, זומער, האַרבסט און מאַי,
אַלטע מעשיות — שוין דערעסן,
און דער שלאָס — כמעט פאַרגעסן.

נאָר הערט אַ מזל פון אַ שווינדלער,
זיין דאַמע לערנט גאָר עטיק קינדער,
גייט אין קירכע טאָג ביי טאָג,
און מיט גאָט איר יעדער זאָג.

און ער? — שוין גאָרנישט קיין געלעבטער,
ר׳איז פון צניעות אַ טרייער וועבטער,
רעדט פון לידער ווי אַ דיכטער,
און פון שטאָט דער ערשטער ריכטער...

איז ווי געפעלט אייך דער סקאַנדאַל?
שווינדלער לערנען אונדז היינט מאָראַל,
און דאָס הייליקע געזעץ
מאַכט די דאַמע מיטן לץ...

שטייט אַ טורעם אין פעלד

שטייט אַ טורעם אין פעלד,
אַ חורבה נאָך העלישע שרפות,
וויינט אין דער חורבה אַ היימלאָזער ווינט,
און ס׳לאַכן דאָרט אַלטע מכשפות.

שטייט דער טורעם אין פעלד
באַוואַכט פון ליימענע געטער,
און אַ פאַרשטויבטער שלאָפט אויפן קרייץ
דער טויטער ייִדישער רעטער.

דאָס האָבן די גויִים אַזוי פאַר אַ שפּיל
דעם רעטער פאַרנאָגלט צום שטומען,
און פאַר זײַן כבוד אַ טורעם אויפגעשטעלט
אַ ליידיקן קבר אַ פרומען.

און ווען ס׳הויכט די נשמה דער טאָג פון זיך אויס,
און ווען עס פאַלט אין חלשות די שקיעה,
וויגט זיך אַ גלאָק דאָ אַהין־און־אַהער,
און ווינקט זיך איבער מיט דער תליה...

לאַכן די רוחות אַ ווילדן געלאַך,
ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ מין חברותה,
זיי טרינקען לחיים פון דער ליידיקער פלאַש,
לחיים, צו שטות און מיתותא...

וואַרפן די געטער אַ ליימענעם בליק:
געזען אַ העזה פון שפּעטער?
און פון בושה ווערט רויט אויפן קרייץ
דער טויטער ייִדישער רעטער.

שטייט אַ ליידיקער טורעם אין פעלד,
אַ חורבה נאָך העלישע שרפות,
וויינט אין דער חורבה אַ היימלאָזער ווינט,
און ס'לאַכן דאָרט אַלטע מכשפות....

מאָרגן

כ׳וויל נישט טראַכטן וועגן מאָרגן
וואָס וועט קומען.
אַלע מאָרגנס זענען סודות
אויפֿן דנאָ פֿון לעבנס־ברונעם...

און, חלילה, זאָלסטו וויסן
וואָס אַ מאָרגן קאָן אַלץ ברענגען,
ווײַל געדאַרפֿט וואָלסט זיך דערטרינקען
אָדער פּשוט זיך אויפֿהענגען.

וועל איך לאָזן די מאָרגנס שלאָפֿן
איינגעהילטע אין סוד אין שטומען,
כ׳וויל נאָר האָפֿן, אַז וואַסער
איז פֿאַראַן נאָך גענוג אין ברונעם...

חלבדיקע טרערן

ס'האָט אַמאָל אַ שוועבעלע,
מיט אַ פלאַמיק־רויט קעפּל,
צעשמועסט זיך מיט אַ ליכטעלע
מיט אַ לאַנגן ווײַסן צעפּל.

הער נאָר דו, מײַן טײַערע,
וואָס ליגסטו ווי אַ שוטה,
שטאַר, אין ווײַסן אײַנגעהילט,
אַזוי דאָך לעבן טויטע...

צי ווייסטו נישט אַז אַ וועלט
פאַראַן איז אויף כּישוף־וועגן,
און עס שפּאַנט פאַרשײַט אַ זיסער סוד,
מיט אַ צויבער דיר אַנטקעגן.

פאַרשטיי מיך, דו, מײַן ליבינקע,
איך וויל דו זאָלסט עס וויסן,
דער טעם פון לעבן אויף דער וועלט
איז — פון אָט דעם סוד געניסן.

הערט אַזוי דאָס ליכטעלע
ווי דער רויטער פלאַפּלט,
און באַלד מיט נײַגיר בייגט עס אויס
דאָס ווײַסע קאַלטע צעפּל: —

אָ, דערצייל, דערצייל, מײַן טײַערער,
דערצייל דעם טעם פון לעבן,
דערפֿאַר וועל איך אָן שום תּנאַי
מײַן קערפּער דיר אָפּגעבן...

רוקט זיך שוועבעלע צום ליכטל צו
און מורמלט: אָ, מײַן טרײַע,
קושט הייס דאָס ווײַסע צעפּל איר
און צינדט עס אָן מיט פֿײַער.

פֿון פֿײַער ווערט אַ רויטער פֿלאַם
מיט לײַנדשאַפּט צעפֿלאַקערט,
וואָס רײַסט פֿון ליכט דאָס ווײַסע קלייד,
ביז קנויט ווערט אָדם־נאַקעט...

ווען נאַקעט שוין, אין הייסן גלי,
נעמט ליכט אין ליבע זיך דערקלערן,
און פֿון גרויס עקסטאַז צעווײנט עס זיך
מיט חלבדיקע טרערן...

די מויז

שוין אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון לאָמפּ,
אין טיפן חושך זינקט דאָס הויז.
דער הונגער טרייבט פון נאָרע
די אַלטע שטובן־מויז.

זי קוקט אַהער, קוקט אַהין,
שמעקט אויס דעם האַרטן דיל,
אויף אין לעצטן ווינקל איז פּוסט און פּאַס
בלויז די קאַץ ליגט וואַך און שטיל.

די מויז אַ שפּרונג, אַ שוואַרצער בליץ
מיט פרייד צום פרישן ברויט,
געוואָרן זאַט זי ביזן האַלדז
מיט אונטערגאַנג, מיט טויט...

מײַן מאַמע — ייִדיש

מײַן ליכטיקע מאַמע ייִדיש,
דײַן צער האָט נישט קיין עק,
די קינדער וואָס דו האָסט געבוירן,
זענען ווײַט, ווײַט אַוועק.

די קינדער וואָס דו האָסט דערצויגן
און האָסט פון זיי מענטשן געמאַכט,
וווינען איצט אין פּאַלאַצן
און דיך געלאָזט אָן אַ דאַך...

דײַן דירה איז הײַנט אַ הפקר,
דײַן בגד — געלעכערט פון ווינט,
ווי איז דער מאַמען דאָס לעבן,
וואָס האָט אַ רשע אַ קינד.

נאָר דו וויינסט אויף זײַן גורל,
און טראָגסט מיט זיך אַ שווער געמיט.
ווער וועט איצט זינגען דײַן ניגון,
פון ראָזשינקעס און מאַנדלען דאָס ליד?

ווער וועט איצט זינגען דער באָבעס
ליבן „גאָט פון אברהם״,
אַז די וועלט איז ליידיק געוואָרן,
ליידיק, פרעמד און שטום.

מײַן ליבטיקע מאַמע ייִדיש,
דײַן צער האָט נישט קיין עק,
די קינדער וואָס דו האָסט געבוירן
זענען ווײַט פון דיר אַוועק;

די קינדער וואָס דו האָסט דערצויגן,
און פון זיי מענטשן געמאַכט,
וווינען הײַנט אין פּאַלאַצן,
און דיך געלאָזט אָן אַ דאַך...

מײַן מאַמעס ליד

דאָס ליד פֿון מײַן מאַמע געטרײַע,
לעבט אין מיר מיט מײַן לעבן לאַנג,
כאָטש נישט איין מאָל זינג איך אויך נײַע,
דאָך פֿון איר קומט מײַן געזאַנג.

פֿון איר, מײַן גוטע, מײַן מאַמע,
וואָס האָט אין איר שויס מיך געוויגט,
פֿון אירע טרערן, פֿון איר צאַרטן שמייכל,
קומט צו מיר, ווי טרייסט, מײַן ליד.

אָ, וויג מיך

אָ, וויג מיך, מײַן מאַמעלע, וויג,
אויף דײַנע פאַרהאָרעוועטע הענט,
און זע ווי מײַן טאָג האָט פאַרשפּילט,
צום שאָטן אויף לײַמענע ווענט.

די זון הענגט צעגאָסן אין גלי.
אָט ווערן די הימלען פאַרברענט.
וויג מיך, מאַמעלע, וויג,
ווי וואַרעם, ווי ליב דײַנע הענט.

דורך פענצטער שוין פינטלט די נאַכט
מיט איינציקן שטערן אַצינד,
אַ פאַרלוירענע טויב אויפן דאַך
וואָרקעט איר גורל צום ווינט.

האָט ס׳האַרץ פון הײמלאָזן ווינט
דערפילט דעם זיפץ פון דער טויב
און ביטער, זיך ביטער צעיאָמערט,
מיט רעגן אויף גלעזערנער שויב.

וויג מיך, מײַן מאַמעלע, וויג,
אויף דײַנע פאַרהאָרעוועטע הענט,
און זע ווי מײַן טאָג האָט פאַרשפּילט
צום שאָטן אויף לײַמענע ווענט.

מייַן טאַטע

אַ רויִקער מענטש געווען איז מייַן טאַטע,
מיט ליכטיקע אויגן אונטער קוסטעס ברעמען,
וואָס האָבן מיט וווּנדער געקוקט אויפן לעבן,
ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַלץ באַנעמען.

פאַרליבט אינעם לעבן געווען איז מייַן טאַטע,
כאָטש געהאָרעוועט שווער אויף מאָגערער פּרוטה,
דאָך האָט ער פאַרנומען מיט ליבשאַפט זייַן גורל,
ווייַל שלעכטס אויף מייַן טאַטן נישט געהאַט האָט קיין שליטה.

אַן ערלעכער טרוימער געווען איז מייַן טאַטע,
ערלעך ווי דער טאָג צו זייַן הייליקן גלויבן,
וואָס האָט ווי אַ פּאָן פאַר אים שטענדיק געפלאַטערט,
ווי ווייַס־אומבאַפלעקטע, אומשולדיקע טויבן.

און יושרדיק־גלייַך געווען איז מייַן טאַטע,
צו שקר און קרומקייט געפילט האָט ער עקל,
אויב קרומקייט זאָל געבן אַ לייַכטערן גראָשן,
געוואָלט האָט ער בעסער זייַן ביטערן פּעקל.

אַזוי האָט מייַן טאַטע דורכגעלעבט זייַן לעבן,
ביז אָטעם לעצטן פון געטרייַער נשמה,
און איז אין מייַן צווייפל אַ לייַכטער געוואָרן, —
אַ שטראַל אין מייַן חושך, אַ טיפע נחמה.

אין לאַנגע נעכט פֿון ווינטער

אין לאַנגע נעכט פֿון ווינטער,
ווען פֿראָסט האָט אויף מײַן שויב
פֿאַרפֿלאַנצט אַ ווײַסע פּאַלמע
און פֿון שניי אַ טויב,

פֿלעגט מײַן טאַטע מיר דערציילן
מעשהלעך אַ פּראַכט,
ווי אויפֿן שוואַרצן סאַמעט־הימל
זינגען שטערן אין דער נאַכט.

אַ מעשהלע צו דערציילן
געווען איז מײַן טאַטנס קונץ.
אין טאַש בײַ אים געוווינט האָט אַ בעטלער
און אין האַרץ — אַ בלויער פּרינץ.

דערציילט האָט ער פֿון ייִדן
מיט קורץ געצוויקטע בערד,
וואָס האָבן וואַלד־גזלנים
פֿאַריאָגט אויף ווילדע פֿערד.

געווען אויך דאָרט אַ מיידל
מיט אויגן הימל־בלוי,
מיט פֿרילינג אויף די ליפּן,
פֿון יונגן פֿרישן טוי.

אַזוי פֿלעגט ער דערציילן
מעשיות אָן אַ שיעור,
ביזקל ס׳האָט דער חלום
צעעפֿנט די צויבער־טיר.

נאָר ווען ס׳איז אויסגעגאַנגען
דער לעצטער גלי פון קויל,
אין צימער איז געוואָרן
פינצטער, שוואַרץ און הויל,

פלעג איך זיך ערשט צעשמועסן
מיט ייִדן מיט די בערד,
וואָס שלאָגן די גזלנים
מיט שאַרף פון בלאַנקער שווערד,

און נעמען מיט דאָס מיידל
ביַי איר דינער האַנט,
אַוועק מיט איר אַ ריטער
צום סוד פון צויבער־לאַנד.

אַזוי כ׳געדענק די מעשיות
פון מיַין גוטער היים,
וואָס מיַין טאַטע פלעגט דערציילן
מיט חכמה און מיט חן,

אין לאַנגע נעכט פון ווינטער,
ווען פראָסט האָט אויף דער שויב
פאַרפלאַנצט אַ ווייַסע פאַלמע,
ווו עס לעבט פון שניי אַ טויב...

מיין זיידע

מיין זיידן אבא ברעסלער ז״ל

אַט שפּאַנט ער, מײַן ליכטיקער זיידע,
אין וואָלקן אויף זאַמדיקן שליאַר,
אַ שטאָלצער, אַזוי ווי די אָבות,
אין לאַנד פון אייביקן תנ״ך.

די ליפּן אין שמייכל צעפלאַטערט,
צאַרט — ווי אין פרילינג אַ ווינט,
די באָרד ווי עס פּאַסט פאַר אַ זקן,
נאָר אויגן — נאָך יונג ווי פון אַ קינד.

און גלײַך איז זײַן טראָט, אויסגעמאָסטן,
אויף הינטן פאַרוואָרפן די הענט —
ווי נאָענט איז איצט מיר מײַן זיידע,
כאָטש כ׳האָב אים גאָר ווייניק געקענט.

כ׳געדענק נאָר זײַן פּנים פון די בילדער,
צעהאָנגען אויף שטוביקע ווענט,
ער זיצט איבער אַן אָפענעם ספר,
מיט ווײַסע איידעלע הענט.

כ׳געדענק אויך זײַן ניגון בײַם לערנען,
מיט בענקשאַפט פון ספר אַרויס —
און אפשר געציילטע מינוטן
אין זיידנס וואַרעמען שויס.

אַן אביון געווען אינדערוואָכן,
מיט עול און שווערן געמיט.
נאָר שבת — אַ מלך, אַן עושר,
מײַן זיידע, דער אייביקער ייִד.

איצט זע איך נאָר ווי אין חלום
מײַן זיידן אויף זאַמדיקן שליאַך,
און ליבע שטראַלט פון זײַן פּנים,
די ליבע און חכמה פון תנ״ך.

וויג־ליד

פאַר מײַן אסתר

שלאָף רויק מײַן האַרציק־געטרײַע,
די אויגן די ליבע פאַרמאַך,
זאָל זײַן דיר אַ פרילינג אין ווינטער,
אַ שטערן אַ בלויער אין נאַכט.

שלאָף רויק, רויק מײַן ליבע
און זאָרג נישט וואָס טאָג איז פאַרבײַ,
פאַראַן אויך אַ פרילינג אין ווינטער,
פאַראַן אויך אין ווינטער אַ מאַי...

דער טאָג ליגט אין הימל פאַרשלאָסן
אויף גאָלדענע שלעסער אַבט,
און גאָט האָט שוין שטערן צעצונדן,
מיט לידער פון ליכט צו דער נאַכט.

שלאָף רויק, רויק מײַן ליבע
דער טאָג איז פאַרשוווּנדן, פאַרבײַ,
זאָל דיר איצט קומען צו חלום
דער חלום פון אייביקן מאַי.

מײַן גאָלדענער שמעטערלינג

— מאַשאַלען

פלי מײַן גאָלדענער שמעטערלינג,
דאָס לעבן, אַ טאָג איז נאָר גרויס,
נאָר ווײַל דו שוועבסט צווישן גראָזן
חלום דיר אויס אַ רויז...

חלום דיר אויס אַ הימל,
אַזאַ וואָס איז אין ערגעץ נישטאָ,
חלום דיר אויס אַ שטערן,
אַ לײַכטער אין טונקעלן בלאָ.

חלום דיר אויס אַ ניגון,
צאַרט ווי אַ פידלס אַ קלאַנג,
חלום דיר אויס אַ סטרונע,
וואָס ציטערט מיט בענקשאַפט־געזאַנג.

דעמלט וועסטו שמעטערלינג פאַרגעסן,
אַז לעבן — אַ טאָג איז נאָר גרויס,
און שוועבן וועסטו אויף אייביק
אין זכות פון דעם חלום און דער רויז.

אין גאַלעריע פון זכרון

— פּאַר בעלאָן

אין דער גאַלעריע
פון מײַן זכרון,
הענגען
אַלטע
פאַרשטויבטע
בילדער,
פאַרדעקט
מיט שמאַטעס — יאָרן.

בלאַסע בילדער
אָן נעמען,
אָן פאַרבן,
וואָס זוכן אַ לעבן
און ווילן נישט שטאַרבן.

בעט איך רחמים: —
בילדער,
מײַנע בילדער,
נעמט לעבן!

ווערן זיי וואָלקנס
און שוועבן
און שוועבן
ווי געמאָלטע גיגאַנטן
פון גאָטס פאַרבן,
וואָס זוכן אַ תיקון
און ווילן נישט שטאַרבן...

בענקשאַפט

חוהן

אויסזינגען כ׳וועל אײַך אַ ליד,
שיין און אפשר טאַקע טשעקאַווע.
עס גייט נישט וועגן פלי פון אַן אָדלער
און נישט פון קיין גאָלדענער פּאַווע.

נאָר גראָד וועגן אַ שטאָלענעם פויגל,
וואָס פליט איבער שטעט, איבער לענדער,
ער רעוועט ווי טויזנטער לייבן
און שוועבט ווי אַ פּערסישער וואַנדער.

ברענגט ער דיך אין אַ לאַנד צווישן מענטשן,
מאַכסטו דאָרט אַ נײַע באַקאַנטשאַפט,
און פאַרלאָזט דאָס לאַנד אַ באַנײַטער
און אין האַרץ ציט אַרײַן זיך אַ בענקשאַפט.

אַ בענקשאַפט, ווי איידעלער סאַמעט,
ווי פינגער אויף סטרונעס אויף דינע.
דו ווערסט אין דער בענקשאַפט פאַרלוירן,
און לאָזט זיך ווידער געפינען...

מיין שיפעלע

לילקען

שווים מײַן שיפעלע, שווים.
נישט געבליבן בײַם ברעג דיר קיין אָרט.
מײַן בענקשאַפט וועט זײַן דיר אַ זעגל,
מײַן חלום — דײַן זוניקער פּאָרט.

שווים מײַן שיפעלע, שווים,
באַלד וועט דער זומער פאַרגיין,
דײַן הימל וועט ווערן אַ חופּה
מיט זילבערנע שטערן פון שניי.

שווים מײַן שיפעלע, שווים,
צעבראָכן בײַם ברעג ליגט דער פּאָרט,
צעעפן פון בענקשאַפט דעם זעגל
און זוך דיר אין חלום אַן אָרט.

אַ כוואַליע

איצט דרעמלט די כוואַליע
אין אײַנגוס בײַם ברעג,
מיד פון שטורעם
און מיד פונעם וועג.

זי דרעמלט און וויגט זיך,
מען הערט זי קוים־קוים,
זי קושט אויס די ברעגעס
דעם זאַמדיקן זוים.

אַמאָל איז די כוואַליע
געווען שטאַרק און יונג,
געלעבט אין אַ שטורעם
מיט ברויזנדיקן שווונג.

איצט ליגט זי אַ שטילע
ביים זאַמדיקן זוים,
פון שטורעם געבליבן,
אַ בלעזל פון שוים...

די זון אויפן הימל
איז לאַנג שוין אַוועק,
אַ טונקעלער אָוונט
הילט איין איצט דעם ברעג.

און ס׳שעפטשעט די כוואַליע
אַ תפילה, קוים, קוים: —
אָ, קום צו מיר, שטורעם,
זאָל זײַן כאָטש אין טרוים...

וווהין גייסטו מענטש, ייִד?

בײַם שײַן פון הייליקן פײַער

פּאַראַן אַ לעגענדע, וואָס דערציילט אונדז, ווי אַזוי ירמיהו הנביא איז אין דער צײַט פון ערשטן חורבן, אַרײַן אין די שוין־פּאַלנדיקע ווענט פון ברענענדיקן בית־המקדש און פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט דאָס הייליקע פײַער, וואָס האָט שטענדיק געפלאַקערט אויפן מזבח, און עס באַהאַלטן אין אַ באַרגיקער הייל, כדי עס זאָל נישט אַרײַנפאַלן אין די הענט פונעם שונא.

איך בין איבערצײַגט, אַז יידישע געשיכטע, מיט איר דורות־לאַנגער מאַרטיראָלאָגיע, מיט אירע יום־טובים און טרויער — זענען פאַרשטענדלעך און האָבן אַ זין, נאָר ווען זיי ווערן גע־לייענט, געלערנט און געפּײַערט אין שײַן פון אָט דעם הייליקן פײַער. און נאָר אין דער פּערספּעקטיוו פון אונדזער גלאָררײַכן יידישן אַמאָל, פאַרשטייען מיר אונדזער הײַנט, נישט ווי אַ נאַציאָנאַלן צופאַל, נאָר ווי אַ דירעקטן עטאַפּ פון אַ לאַנגער קולטור־היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון אַ פאָלק ווערט באַשטימט דורך די געאָגראַפישע און קלימאַטישע באַדינגונגען אין וועלכע דאָס פאָלק הייבט אָן זיך אַנטוויקלען. דער אײַנפלוס פון אָט די באַדינגונגען שאַפט די נאַטור פון פאָלק, ווי אויך זײַן גײַסטיקע פאָרשטעלונג פון דער וועלט און אירע מענטשן.

אָבער טראָץ דעם, וואָס דער מענטש שאַפט אַליין זײַן קול־טור, ווערט ער אָבער גלײַכצײַטיק אַ פּראָדוקט פון איר.

און פונקט אַזוי ווי עס פאָרמירט זיך אַ טײַך, אַזוי אויך פאָרמירט זיך דאָס מענטשלעכע קולטור־לעבן. דאָס ערשטע וואַ־סער קלײַבט זיך אויס אַ געלעגער, און דער טײַך וועט שוין פון דעם אויסקלײַב נישט אַוועק, אַזוי אויך דער מענטש. ער איז

פשוט „געפאַנגען" דורך דער קולטור, וועלכע ער אַליין האָט באַשאַפן. עס איז דעריבער קלאָר, אַז דער וויכטיקסטער אַטריבוט אין פּראָצעס פון דער קולטורעל נאַציאָנאַלער כאַראַקטער־באַשטימונג ליגט אין פאָלקס באַגינען.

דער ייִדישער מאָרגן וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אברהמען, וועלכער איז געווען דער ייִדישער דעביוט אויף דער היסטאָרישער אַרענע פון דער מענטשהייט און זײַן קולטורעלע אַנטוויקלונג, וואָס האָט געלייגט זײַן חותם אויף אַלע קומענדיקע ייִדישע דורות, איז נישט געווען נאָר אַ פּראָדוקט פון גײַסטיקער וועלט־באַוווּנדערונג און גאָט־דערקענטעניש, נאָר אויך אַ פּראָדוקט פון דער פאַסטעך־פּראָפעסיע, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף אומבאַדינגטער פרײַהייט, ליבע צום באַשעפעניש און ווידערווילן צו רויב.

אָט די דרײַ יסודות, די עלעמענטן וואָס האָבן פאָרמירט אברהמס פּסיכאָלאָגיע, האָבן גלײַכצײַטיק אײַנגעפלאַנצט אין ייִדישן גײַסט די זוימען פון ייִדישן קאָנפליקט מיט אַלע שקלאַפישע און דיקטאַטאָרישע סיסטעמען, וועמעס פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ איז — רויב דורך אונטערדריקונג.

וואָס גרעסער עס זענען געווען די רויב־און אונטערדריקונג־אינטענצן פון אָט די סיסטעמען, אַלץ שטאַרקער און ראַפינירטער איז געווען זייער פײַנטשאַפט צו ייִדישקייט.

מיר האָבן דאָס דײַטלעך געזען בײַ היטלערן. אָט דער קרימינעלער אשמדאי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז זײַן פּרינציפּיעלער אידעישער שונא זענען נישט בלויז די פײַנטלעכע מיליטערישע אַרמייען, נאָר דער נישט-געצוימטער פרײַער ייִדישער גײַסט, וואָס טוליעט אין זײַן בוזעם די ליכטיקע נבואה פון אַ היסטאָרישן שבת, וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט. אַ „שבת" וואָס שליסט אויס יעדע אונטערדריקונג, יעדן רויב, אַ „שבת" וואָס איז אויסגעוועבט פון דינסטע, איידלסטע נביאישע בענקענישן נאָך שלמות, ליבע צום באַשאַפענעם, און טראָגט מיט זיך אַ נאַטירלעכן עקל צו רויב און רציחה.

אין ליכט פון אָט דעם אידעיִשן קאָנפליקט ווערט אונדז קלאָר פאַר וואָס היטלער האָט אין די טעג, און אַפילו אין די מינוטן פאַר זײַן פּגירה, נישט געוואָלט אויפגעבן דעם קאַמף קעגן ייִדישן פאָלק. מיט זײַן פּסיכאָפּאַטישן אינסטינקט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די קאַרדינאַלע מפּלה וואָס זײַן טרוים פון אַ „טויזנט יעריקן ליגנט" האָט געליטן, איז פריִער פאַר אַלץ דער פאַרדינסט פון דורות ייִדישער בענקשאַפט נאָך אמת, אַן אמת וואָס האָט זיך ווי אַ ווײַסער אָדלער געטראָגן איבער די אייראָפּעיִשע שלאַכטפעלדער, און גערופן און געמוטיקט צו קאָמ־פּראָמיסלאָזער מלחמה מיט דער פּערווערזער מאָראַל, וועלכע היטלער האָט געפּרעדיקט.

אַ סך איז שוין דערציילט געוואָרן וועגן דער פּאַקטישער מלחמה, וועגן גיגאַנטישע, אָפּטמאָל פאַרצווייפלטע, שלאַכטן, וואָס דער מענטש האָט געפירט מיט די נאַציס, אָבער גאָר ווייניק איז דערציילט געוואָרן וועגן דער גײַסטיקער מלחמה וואָס די אויסגעהונגערטע פאַרפּײַניקטע ייִדישע באַפעלקערונג, — אַ פאַר־מאַכטע, איזאָלירטע פון דער אַרומיקער וועלט, — האָט אויף אַן עקשנותדיקן, קאָמפּראָמיסלאָזן אופן געפירט מיט די דײַטשן. דערציילן וועגן אָט דער מלחמה, וואָס איז אַן עפּאָפּייע פאַר זיך אַליין, דערציילן וועגן לעבן אין געטאָ מיט ערדישע ווערטער, איז אַ פּאַקטישע אוממעגלעכקייט, אַפילו פאַר אַ מענטשן וואָס איז דאָרט אַליין געווען. עס זענען מיט דעם פאַרבונדן געדאַנקען, איבערלעבונגען און שטימונגען, און ווי זאָגט דער דיכטער גיבראַן — שטימונגען זענען ווי פייגל, פאַר וועמען ווערטער זענען נאָר שטײַגן, וואָס דערלויבן די פייגל צו עפענען די פליגל, נאָר נישט צו דערהייבן זיך...

אָבער איך גלייב, אַז סוף־כל־סוף וועט קומען אַ גאָט־געבענטשער קינסטלער, אפשר גאָר אַ גרויסער מוזיקער, אַ קאָמ־פּאָזיטאָר, וואָס וועט שאַפן אַ מעכטיקע סימפאָניע, מעגלעך אין דער פאָרעם פון אַ נײַעם „כל־נדרי", און דורך קלאַנג, וואָס איז איידעלער און דערהויבענער ווי ווערטער, אויספּילן די הײ־

ליקע שליחות פון דערציילן וועגן לעבן און טויט פון די ייִדן אין די געטאָס, און וועגן דער מלחמה פון אייביקן ייִדישן אמת מיטן דײַטשישן שקר. צו הילף אַזאַ אַרבעט קאָן קומען די געטאָ־ליטעראַטור, וואָס טראָגט דעם וואָס זי איז געשאַפֿן געוואָרן אין אַ שטײַג, האָט זי דאָך נישט פֿאַרראַטן דעם אַלטן ייִדישן גלויבן, דעם גלויבן און די האָפֿענונג אין אַ נײַעם שיינעם מאָרגן, אין אַ נײַעם מענטשן. די קולמינאַציע פֿון אָט דעם גלויבן קומט צום אויסדרוק אין די פּאָעטישע שורות פֿון הירשקע גליקס פּאַרטיזאַנער־מאַרש, ווען הירשקע רופֿט אויס צו זײַן פֿאָלק און צו דער וועלט: „און אויב פֿאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר, ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פֿון דור צו דור"

דאָס איז אַן אויסרוף פֿון אַ גרויסער ייִדישער העלדישקייט און פּאָעטיש־ייִדישער־נבֿואה. קאָן זײַן אַז מיר וועלן פֿאַרפֿײַניקט ווערן — אָבער דער פּאַראָל, וואָס זאָגט אָן דאָס אָנקומען פֿון אַ נײַער וועלט, פֿון אַ נײַעם מענטשן, קאָן נישט און וועט נישט אונטערגיין!

די אַנטיסעמיטישע וועלט, ספּעציעל די סלאַווישע, האָט אין איר שׂנאה אונדז אויך אונטערגעוואָרפֿן פּחדנות און פּאַראַזי־טישקייט. די געשיכטע און דאָס פּאַקטישע לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק האָט ביידע באַשולדיקונגען קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפֿן.

ייִדן האָבן זיך געשלאָגן און זיך אויסגעצייכנט מיט העל־דישקייט אויף אַלע פֿראָנטן פֿון קריג, און מיט באַווונדערונג געקעמפֿט אין וואַרשעווער געטאָ. די ייִדישע מדינה, וואָס איז ווי אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון שטיינערנעם באָדן, איז אַ מוסטער פֿון אַרבעטזאַמקייט און איבערנאַטירלעכער העלדישקייט — אַ העלדישקייט וואָס האָט נישט קיין גלײַכן אין דער געשיכטע. דער מאָראַלישער ניוואָ, די אָפּפֿערווילִיקייט פֿון ישראלס באַפֿעל־קערונג, איז אַ בפֿירושע אָפּלייקענונג פֿון אָט דער לעכערלעכער באַשולדיקונג, וואָס שטיצט זיך אויף אויסגעהוילטע זינלאָזע ווערטער.

עס איז מײַן איבערצײַגונג, אַז ווערטער מאַכן פֿאַקטיש מיט

דעם זעלבן גורל וואָס מענטשן, און פונקט ווי מענטשן ווערן זיי אָפט מאָל שלעכט פאַרשטאַנען, פאַרשיקט אין גלות און אויך פאַרשפּאַרט אין טורמעס. אָבער פון אַלע ווערטער וואָס דער מענטשלעכער לעקסיקאָן פאַרמאָגט, איז דאָס אַממייִנסטן פאַרשעמטע, געפלאָגטע און געקרייציקטע וואָרט, דאָס וואָרט : **פרײַהייט.** קיינער, דוכט זיך מיר, פאַרשטייט עס נישט אַזוי גוט, ווי די ווען מען עס איז אויסגעקומען צו לעבן אונטער די נאַציס.

אָבער טראָץ אַלע אַנטוישונגען, טראָץ אַלע דורכפאַלן, גלייב איך דאָך, אַז עס וועט קומען אַ צײַט ווען אָט דאָס וואָרט וועט ענדלעך באַפרײַט ווערן. דעמאָלט, ווען פרײַהייט וועט פאַרשטאַנען ווערן אין זין פון נביאישן יושר, דעמאָלט וועט מײַן פאָלק, דאָס ייִדישע, זײַן ווי אַ באַשיידענער ליכטיקער פרינץ, וואָס האָט אין די גורלדיקסטע מינוטן פון זײַן לעבן נישט פאַרראַטן די פרײַהייט, און האָט זי, ווי אַ נישט־באַפלעקטע כלה, דורכגעטראָגן דורך די לײמיקע פעלדער פון גושן דורך מײדאַנעק, טרעבלינקע און אוישוויץ, כדי זי צו ברענגען ווי אַ יום־טובדיקע מתנה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אין טאָג פון דער מענטשהייטס היסטאָריש־נביאישן „שבת".

יוני 1969

פראָבלעמען פון ייִדישער וועלטלעכקייט

טראָץ דעם וואָס אַלע דרײַ גרונטגעזעצטע שטראָמונגען (רע־ליגיעזע, ליבעראַלע און וועלטלעכע), וועלכע קאָנסטיטוירן דאָס ייִדישע קולטור־לעבן אין דער דיאַספּאָרע, האָבן איין און דעם זעלבן שורש, שטעלן זיי דאָך מיט זיך פאָר דריי דעפיניטיוו באַזונדערע פילאָזאָפישע וועלטן.

די ערשטע — די רעליגיעזע — האָט שטענדיק געהאַט פאַר זיך איין ציל: דערהייבן דעם מענטשן צו גאָט, דורך אַרײַנפּאַסן זײַן לעבן אין אַ רעם פון אַ שטרענגער רעגלאַמאַטישער רעלי־גיעזער אויפפאַסונג.

די צווייטע — די ליבעראַלע — איז, טראָץ אַלע אויסטײַ־טשונגען, אין איר לעצטן סך־הכל אויסן פונקט דאָס פאַרקערטע: אַרײַנפּאַסן די רעליגיעזע טרוימען אין דער רעם פון מענטשלעכע באַדערפענישן, אָדער מענטשלעכע באַקוועמלעכקייטן. און די דריי־טע — די אַזוי־גערופענע וועלטלעכע אידעאָלאָגיע — איז דער מענטש אַליין, פונעם מענטש און פאַרן מענטש איז וועלטלעכקייט באַשאַפן געוואָרן און דורך וועלטלעכקייט, נישט אין אַבסטראַקטן, נאָר דווקא אין קאָנקרעטן זין פון וואָרט, האָט דער מענטש, דער ייִדישער ווי אויך דער מענטש אין אַלגעמיין, געגלייבט און געהאָפט צו בויען אַ נײַע „בעסערע וועלט".

אָבער די געשיכטע פון לעצטן פערטל יאָרהונדערט האָט אַרײַנגעבראַכט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין אופן פון מענטשלעכן טראַכטן בכלל און אין דער ייִדישער פסיכיק בפרט. אָט די ראַ־דיקאַלע ענדערונג איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון אַ דורכגע־מאַכטער גרויזאַמער פּראַקטיק וואָס האָט פונדאַמענטאַל באַ־שעדיקט אַלע הומאַניסטישע טעאָריעס — ייִדישע וועלטלעכקייט

איַינגעשלאָסן — און האָט אויך גלײַכצײַטיק געשטעלט אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן אַלע מאָראַלישע מענטשלעכע דערגרייכונ־גען, וועלכע זענען געקומען ווי אַ דירעקטער פּראָדוקט פונעם וועלטלעכן הומאַניזם.

דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וואָס וועט זיך באַשעפטיקן מיט פאָרשן אונדזער צײַט, וועט פאַרשטיין די לעצטע דרײַסיק יאָר פון אונדזער לעבן, ווי אַן אַקט פון אַ טײַוולאָנישער אָפּגע־שפּילטער אַבסורד־דראַמע.

דער מענטש באַשאַפט די וועלטלעכקייט, ער דערזעט אין איר אַ נײַעם וווּנדערלעכן משיח און זינגט צו אים אויס די שענסטע טרוימען און לידער, אַלע איידלסטע האָפענונגען. און דו מיינסט: אָט־אָט, און שוין האָט ער דערגרייכט „די וועלט פון זוניקן מאָרגן״... נאָר מיט אַמאָל געשעט דאָס פאַרקערטע, דאָס אַבסאָלוט אַבסורדאַלע: טאַקע אָט דער זעלבער מענטש, אָט דער וואָס האָט ערשט נעכטן געזונגען וועגן פרײַהייט, טאָלע־ראַנץ און ליבע־פאַרברידערונג, און דאָס געזונגען מיט דער בענק־שאַפט פון אַ נאַכטיגאַל, אָט דער מענטש האָט זיך גאָר אויפגע־כאַפּט, צו ערשט מיט שטילע טריט פון אַ ליגנער און גנב, אָבער באַלד דרייסטער, פול מיט חוזק פון אַ ראַפינירטן רוצח, נעמט ער אַרום זײַן געליבטע וועלטלעכקייט, און אָן אַ פאַרוואָס, בלויז פשוט צוליב דעם זינלאָזן פאַרגעניגן פון מאָרדן, דערווערגט ער זי צום טויט.

פאַרשטענדלעך, אַז דער גרעסטער קרבן אינעם מאָרד איבער אַלע דערהויבענע אידעען, איז געפאַלן די ייִדישע וועלטלעכקייט, און דאָס צוליב דרײַ גוט באַקאַנטע סיבות:

ערשטנס — דער גרויסער פיזישער פאַרלוסט פון אונדזער פאָלק;

צווייטנס — די כמעט טאָטאַלע פאַרניכטונג פון דער ייִדיש־רעדנדיקער אינטעליגענץ;

און די דריטע סיבה — דער אָפענער פאַרראַט פונעם מענטש גופא.

דאָס געטלעכע באַשעפעניש האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. דער מענטש אויף וועלכן די וועלטלעכקייט האָט גע־שטעלט, געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען, האָט זיך אין קריטישן מאָמענט פאַרוואַנדלט אין אַ בייזן מכשף און זײַן נשמה אַרײַנ־געוואָרפן אין די פלאַמען פון אַ ברענענדיקן קאַלד־אויוון...

אָט די דרײַ סיבות שטעלן מיט זיך פאָר די אכזריותדיקע ווירקלעכקייט, וואָס האָט דערפירט צו דער גרויסער דילעמע, אין וועלכער עס געפינט זיך היינט די ייִדישע וועלטלעכקייט, אַ דילעמע וואָס נעמט אַרום אַלע אונדזערע ישובים אויף דער גאָרער וועלט.

טראָץ דעם וואָס די לאַגע איז נישט קיין פריילעכע, איז דאָך פשוט קאַטאַסטראָפאַל נישט צו וועלן זען און אָנערקענען דעם פאַקטישן צושטאַנד.

דעם גײַסטיקן קריזיס וועלכן מיר לעבן דורך, זעט מען אָן אויף יעדן טריט און שריט אין אַלע אונדזערע אַקטיוויטעטן; מען דערקענט אים אין דער אינטעלעקטועלער אָרעמקייט מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס אונדזערע אונטערנעמונגען, זייער אָפט־זכרונותדיקער כאַראַקטער פאַסט פאַר זקנים־הייזער און נישט פאַר דער אייביק יונגער ייִדישער קולטור; מען דערקענט אים אין די גײַסטיקע בלויזן אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט־לעכער קולטור־אַרבעט וואָס איז געוואָרן סטאַטיש קאָנווענציאָ־נעל און קליינשטעטלדיק. אין דער באַציִונג צום געדרוקטן ייִדי־שן וואָרט, און נאָך און נאָך. אָט דאָס אַלץ רופט נאָך אַרויס אַ פאַרשטאַרקטע רעאַקציע פון צווייפל, וועלכע דריקט זיך אויס אין אַ מוראדיקער אַפּאַטיע, אַן אַפּאַטיע וואָס איז אומשטאַנד צו פאַרקריפּלען און ענדגילטיק צו פאַרניכטן אַפילו דאָס ביסל קולטור, וואָס איז אונדז נאָך געבליבן.

דאָס איז אין קורצן די ווירקלעכע אַטמאָספער אין וועלכער די ייִדישע וועלטלעכקייט ראַנגלט זיך פאַר איר באַרעכטיקטער עקזיסטענץ.

אָבער טראָץ אַלע שוועריקייטן, טראָץ אַלע פּראָבלעמען, גלייב

איך דאַך אַז עס איז דאָ אַ וועג וואָס איז בכוח אַרויסצופירן די ייִדישע וועלטלעכקייט פונעם טעמפּן ווינקל אין וועלכן די צײַט האָט זי אַזוי ברוטאַל אַרײַנגעטריבן. דער ערשטער באַדינג פון אַזאַ אַרבעט איז, דאָס רופן אַ קאָנפערענץ וועלכע זאָל באמת אויף אַ **ניכטערן** אופן אָפּשאַצן די אַלגעמיינע לאַגע אין וועלכער די ייִדישע קולטור געפינט זיך הײַנט, און אין אײַנקלאַנג דערמיט אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פון קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט, וועל־כער זאָל זײַן פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע ייִדישע קולטור־אינסטי־טוציעס אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס וואָרט „ניכטער" האָב איך ספּעציעל אונטערגעשטראָכן, ווײַל איבערגעטריבענער, נישט־באַרעכטיקטער אָפּטימיזם, וואָס ווערט בײַ אונדז געפּלעגט פון נישט־פּינקטלעכע באַריכטן איבער אָפּגעטוענער קולטור־אַרבעט אָדער קולטור־אונטערנעמונגען, איז פאַרפירעריש און שעדלעך. אַזעלכע באַריכטן זענען ווי פאַלשע מעדיצינישע דיאַגנאָזן — זיי העלפן נישט דעם קראַנקן, נאָר טעמפּן בלויז אָפּ די וואַכזאַמקייט פון די וואָס זאָרגן פאַרן חולה. איינע פון די וויכטיקסטע אויפ־גאַבן פון אַזאַ קאָנפערענץ דאַרף זײַן דאָס געפינען אַ מעטאָד, וועלכער זאָל דערמעגלעכן דאָס דערהייבן דעם אינטעלעקטועלן ניוואָ פון ייִדיש־רעדנדיקן מענטשן, און די אָנגעוויטיקטע פראַגע פון יום־טוב אין דער ייִדישער וועלטלעכער שטוב, וועלכע לײַדט, צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, פון וואָכעדיקייט.

דאָס באַוואָפענען זיך מיט מער וויסן קאָן האָבן אַ צווײ־פאַכיקע פּאָזיטיווע באַדײַטונג. ערשטנס: אין „לאַנד פון עכטער חכמה און וויסן" הערשט אַ דרך־ארץ, אַ ליבע, אַ דערנענטערונג פון מענטש צו מענטש, פון דור צו דור, נישט בלויז פון אַ בּיאָלאָ־גישן כאַראַקטער, נאָר פון אַ באַוווּסטזיניק גײַסטיקן. אַזאַ דערנענ־טערונג וואָלט דאָך פאַר אונדז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג. אַזאַ דערגרייכונג איז אויך בכוח עווענטועל צו פאַרקלענערן די אינטע־לעקטועל גײַסטיקע מחיצה, וואָס האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען און איז שוין באַלד אויסגעוואַקסן צו אַ נישט־דערגרייכבאַרן אָפּ־גרונט צווישן אונדזער ייִנגערן און עלטערן דור ייִדן. אַן אַטמאָס־

פער פון גײַסטיקער דערנענטערונג קאָן אַרײַנברענגען דעם יונגן ייִדישן מענטש אין דער ספערע פון ייִדישע פּראָבלעמען, אין דער ספערע פון ייִדישן טראַכטן בכלל. און עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז אויב אונדזערע קולטור־אינסטיטוציעס — ווער און ווו זיי זאָלן זײַן — זאָלן באַהאַנדלען פראַגן פון יוגנט־פּראָבלעמען אין דער רעם פון **הײַנטצײַטיקער יוגנטלעכער פּראָב־לעמאַטיק,** וועט דער יונגער מענטש זיך פאַראינטערעסירן און זיכער קומען. דאָס איז פאַר אונדז — ווי אַ געזעלשאַפט, ווי אַ ייִשוב, און ווי אַ טייל פון אַן אייביק פאָלק —אַ לעבנסוויכטיקע פראַגע, פאַר וועלכער מיר מוזן — אַזוי צי אַנדערש — געפינען אַ לייזונג, אויב מיר ווילן בלײַבן לעבן...

צווייטנס: אין דעם פּראָצעס פון פאַרבעסערן און דערהייבן די אינטעלעקטועלע גײַסטיקייט פון אַ מענטש ליגט באַהאַלטן דער וווּנדערלעכער אוצר פון סותדותפולער האָפענונג און גלויבן. און גלויבן וואָס איז געבויט אויף באַוווּסטזײַן, איז אָן שום ספק דאָס ווירקזאַמסטע געווער אין קאָנפליקט פאַר גײַסטיקער עקזיסטענץ, פאַר גײַסטיקן אויסדויער. אַזאַ גלויבן, אַזאַ האָפע־נונג, איז בכוח אַרײַנצובלאָזן אַ נײַע נשמה אין דער ייִדישער וועלטלעכקייט, אַ נשמה וועלכע זאָל איר העלפן צוריק עפענען אירע געפענטעטע פליגל און מיט זייער הילף ווידער זיך דער־הייבן, דערהייבן זיך גאָר הויך, אַזש צו די בלויע הימלען, „אויב נישט נאָך העכער".

אין דעם פּראָצעס פון גײַסטיקער דערהייבונג געפינט זיך אויך דער כישוף, מיט וועלכן מען קאָן אָנצינדן אין אונדזער פּראָזאַיִש געוואָרענעם לעבן, דעם עמאָציאָנעל־פּאָעטישן פונק, וואָס אָן אים איז גײַסטיק לעבן נישט רעאַל, נישט מעגלעך. פאַרשטענדלעך, אַז בײַם שאַפן עמאָציאָנעלע פּאָעטישקייט, עמאָ־ציאָנעלע גײַסטיקייט, קאָנען אונדז גאָר שטאַרק צו הילף קומען אונדזערע ייִדישע יום־טובים, וואָס שײַנען אַרויס פון אונדזער געשיכטע ווי ליכטיקע זונען, און האָבן, טראָץ זייער טראַדיציאָ־

נעלער נאַציאָנאַלער פאָרעם, קיינמאָל נישט פאַרלוירן זייער אוניווערסאַלע אידעע.

לאָמיר זיי — די יום־טובים — אַרײַנפירן צוריק אין דער יידישער שטוב און זיי געבן דאָס געהעריקע אָרט אין אונדזער לעבן, אַרומנעמען זיי מיט וואַרעמקייט. יידישער יום־טוב וועט צו אונדז צוריקשײַנען מיט ליכט, מיט ליכט וואָס ברענגט פרייד און קאָן אָנרעגן צו עמאָציאָנעלער לײַטזעליקייט, נישט נאָר אַ געוויסע צאָל מענטשן, נישט נאָר איין פאָלק, נאָר האָט געגעבן יום־טובדיקייט פאַר אַלע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. ווײַל יידישער יום־טוב, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין שויס פון יידישער האָפענונג, יידישער אידעאָלאָגיע, האָט אין רעליגיעזן זין און אויך אין וועלטלעכן אָפּגעוואָרפן יעדע באַגרענעצטע ספּערע אָדער געאָגראַפישע לימיטאַציע און איז אין איר עצם כאַראַקטער שטענדיק געווען און וועט בלײַבן דער אוניווערסאַלער יום־טוב פון אַלע מענטשן, פאַר הײַנט, פאַר מאָרגן, אויף אייביק.

און נאָר אין דעם גײַסט, אין גײַסט פון אונדזער קולטור־היסטאָרישער יום־טובדיקייט, געפּאָרט מיט וויסן און טיפער פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער געשיכטע, איז מעגלעך אַ נײַער רענעסאַנס פון דער יידישער וועלטלעכקייט.

יולי 1969

אויף דער שוועל פון אַ נייער דעקאַדע
(געדאַנקען און אידעען)

און שוין איז די דעקאַדע פון זעקסטן יאָרצענדליק אַוועק אין אַרכיוו פון היסטאָרישער צײַט־רעכענונג, אָבער עס איז אַן אָנגענומענע אַקסיאָמע, בײַם געלערנטן ווי בײַם פּשוטן מענטש, אַז די ירושה וואָס אָט די צײַט האָט אונדז איבערגעלאָזט, די ירושה פון צענדליקער וויסנשאַפטלעכע, טעכנאָלאָגישע און מע־דיצינישע דערגרייכונגען, מיט אירע הונדערטער פאַרשיידענע טאַ־בלעטן וואָס העלפן געדענקען, און אַזעלכע וואָס מאַכן פאַרגעסן; פּילן צום לאַכן און פּילן צום וויינען, פּילן וואָס באַפרוכפּערן און פאַרקערט, וועלן אָן קיין שום צווייפל זײַן אַ רעצידירנדי־קער פאַקטאָר, וואָס וועט באַווירקן און פאָרמירן דעם קומענ־דיקן אויסזען, כאַראַקטער און גורל פון דער מענטשלעכער גע־זעלשאַפט, אין איר אינדיווידועלן, פאַמיליאַרן און נאַציאָנאַלן זײַן.

און עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז צווישן אָט די אַלע „וויכטיקסטע דערגרייכונגען" און צענדליקער שוין דעראָבער־טע וויסנשאַפטלעכע אַמביציעס, וואָס וועלן זײַן פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר דער פאָרמאַציע פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט — וועלן די גורלדיקסטע זײַן: די דערפינדונג פון דעם אַנטי־שוואַנ־גער מיטל, „די פּיל", און דעם מענטשנס געוואַגטע באַפרײַען זיך פון דער גלאָבאַלער גראַוויטאַציע, אין וועלכער ער איז פיזיש געווען געפאַנגען.

זיכער וועט די ערשטע, צוליב איר מאַסנהאַפטער פּראַקטישער אַפּליקאַציע, געבן באַלדיקע רעזולטאַטן. איך מיין דאָ: פריִער

אין געזעלשאַפטלעכן קאָנצעפּט, ווײַל מיט דעם באַפרײַען די פרוי פון איר אייביקער מורא פאַר די קאָנסעקווענצן פון סעקסועלן לעבן, איז גלײַכצײַטיק געוואָרן אַרײַנגעפירט דער לײַט־מאָטיוו וואָס וועט מיט דער צײַט איבערגעבן דער פרוי דעם מאַנס דורות־לאַנגע איניציִאַטיוו פון סעקסועלער אַגרעסיווקייט, וועלכע וועט מוזן אויך ענדערן דער פרויס פּאַסיווע אויסערלעכקייט, וואָס איז אין פאַקט שטענדיק געווען דער ווײַבלעכער קאָמופלאַזש פאַרן אינערלעכן, נאַטירלעכן כאַראַקטער.

און די צווייטע סיבה: דעם מענטשס אַרויסרײַסן זיך פון דער גלאָבאַלער גראַוויטאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז פון פיזיאָלאָגישן שטאַנדפּונקט זענען נאָך אירע רעזולטאַטן אין די „ווינדעלעך" און דערפאַר היפּשלעך פאַרנעפּלט, אָבער אין מעטאַפיזישן זין האָט די אָ דערגרייכונג שוין אָנגעהויבן ווירקן און האָט אין דער אינ־טעלעקטועלער, ווי אויך אין דער פּשוטער וועלט, אַרײַנגעפירט אַ גאָר נײַעם מאָטיוו אין דער גײַסטיק אָנגענומענער קאָנצעפּציע פון דער אַלגעמיינער וועלט־פאַרשטעלונג. אויב אָבער די וויסנ־שאַפטלעכע עקספּלאָראַציעס זאָלן זיך ווײַטער אַנטוויקלען, — און נישטאָ קיין סיבה פאַרוואָס נישט, — וועט זייער ווירקונג נישט בלײַבן באַגרענעצט צו בלויז גײַסטיקע מעדיטאַציעס, נאָר אין פיזישן זין ברענגען גאַנץ ווײַטגייענדיקע קאָנסעקווענצן, קאָנ־סעקווענצן וואָס וועלן זײַן אַ פּראָדוקט פון אַ גאָר נײַער אומ־באַגרענעצטער וועלט.

אין ליכט פון דעם, שטעלן זיך פאַרן הײַנטיקן מענטש אַ גאַנצע ריי ראַדיקאַלע פראַגן, פראַגן ערנסטע: **צו וואָס?** צו וואָס באַצוועקן אָט די אַלע קאָלאָסאַלע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונ־גען? וואַהין פירן זיי דעם מענטש? וועלכע נוצן וועלן זיי ברענגען דער וועלט און אירע אײַנוווינער? און די וויכטיקסטע פראַגע, אַ פראַגע וואָס קלינגט ממש ווי אַ בייזע רעטעניש, איז: ווי קומט עס טאַקע וואָס דער מענטשלעכער זשעני, דער וואָס האָט שוין פאַקטיש דערפונדן די פּראַקטישע מיטלען פון דערהייבן זיך צו די העכסטע הימלען, איז נאָך אַלץ גײַסטיק געפאַנגען אין אַ

מאָראַלישן שליים פון אַ וועלטס זומפיקער בלאָטע, וועלכער שטערט אים אַרויפצוגיין אויף די „פשוט טרוקענע" וועגן וואָס פירן צו אַן אַלגעמיין מענטשלעכער פאַרשטענדיקונג און פרידלעכן צוזאַמענלעבן? ווי קומט עס און ווי אַזוי איז עס מעגלעך וואָס די וועלט פון אַ וויסנשאַפטלעכער קולמינאַציע אַנטוויקלט זיך נאָך אַלץ אין שאָטן פון אַ זינלאָזער מלחמה אין וויעטנאַם, אַ מוראדיקן מאָרד אין ביאַפראַ, און אין אַ כסדרדיקער ציללאָזער אונטערוועלט-אַוואַנטורע קעגן דעם קליינעם יידישן פאָלק? ווי קומט עס טאַקע, וואָס די וועלט פון אַזאַ קלוגער טעכנאָלאָגיע, וועלכע האָט אַזוי פיל צו פאַרדאַנקען דער וויסנשאַפטלעכער פּראַק־טיק, האָט גאָרנישט געלערנט און ממש איגנאָרירט די פּראַקטיק וואָס האָט דערפירט צו די אַזוי קאַטאַסטראָפאַלע קאָנפליקטן, פון וועלכע דער לעצטער אירער האָט געקאָסט דער מענטשהייט איבער פופציק מיליאָן לעבנס, און שוין איז די וועלט ווידער גרייט צו אַ נייער בלוטיקער רעפעטיציע.

אין צוויי גרונטזעצלעכע סיבות, מיין איך, ליגט דער ענטפער פון אָט דעם נישט־פאַרשטענדלעכן קנויל פון קאָנפליקטן, און קאָמפלעקס פון ווידערשפּרוכן: די ערשטע איז אַ קלאַסיש־פּסי־כאָלאָגישע און באַשטייט אין דעם וואָס די וועלט פון אַ וויסנ־שאַפטלעכער טעכנאָלאָגיע אַנטוויקלט זיך אויף „קאַלטע" מאַטע־מאַטישע טערמינען, וועלכע פירן צו דירעקט־פּראַקטישע קאָנקלו־זיעס, ווען אין דער וועלט פון ברידערלעכן צוזאַמענלעבן הערשט אַ גייסטיקע סובסטאַנץ פון אַן אייגנזיניקער מאָראַל, געשטיצט פון אַן עמאָציאָנעלער ליידנשאַפט, וואָס איז אין פולקומען קעגנ־זאַץ צו „קאַלטער" מאַטעמאַטיק, און דערפאַר פּראַקטיש נישט קאָנסטרוקטיוו.

און די צווייטע סיבה, — נישט ווייניקער וויכטיק ווי די ערשטע, — איז, וואָס די אינסטיטוציע, אין דעם פאַל: די קירך, וועלכע האָט זיך הונדערטער יאָרן פאַרנומען מיט דער ספּירי־טועלער און מאָראַלישער אינסטרוקציע פון דער כמעט גאַנצער וויסער באַפעלקערונג, די קאָמערציאָנעל פּאָליטישע טאָנגעבערס

אין דער טעכנאָלאָגיש באַשאַפענער וועלט, האָט דערצויגן אירע נאָכפאָלגער אין שויס פון אַ דואַליסטישן ליגנט, אַ שקר (זע א. גאָלאָמבס „דער קאַמף פון גלויבנס״), וואָס האָט דערמעגלעכט צו זיין אַ גנב, אַ רוצח און גלייכצייטיק אַ פריידיקער פון ערלעכקייט און רחמנות. אַ ליגנט, וואָס האָט דערלויבט דעם הויפּט פון דער קירך צו שווייַגן אין אָנבליק פון די גרעסטע רציחות און דערביי בלייַבן „דאָס איידעלע און לויטערע געוויסן פון זיין צייַט״ אַ ליגנט וואָס האָט אויך דערלויבט דעם דערמאָנטן אַפּאָסטאָלס נאָכפאָלגער רויִק צו קוקן דורך דער גלעזערנער שויב פון אַ גאַז־אויוון און אָבסערווירן דאָס ראַנגלען זיך און לעצטע כאָרכלען פון שטאַרבנדיקע קינדער. און אַט די „אַרבעט״ האָט אים פּאַקטיש גאַרנישט געשטערט צו זיין אַ חשובער מיטגליד פון אַן אָנגעזעענער קירך, אין וועלכער ער האָט אין זיין פרייַער צייַט מאַניפעסטירט גאָטס־פאַרכטיקייט, דורך פּרעפּלען און בעטן צו אַ ליימענעם גאָט. אָפּריכטן תפילות, וואָס האָבן געהאָלפן אויסשפינען דאָס געוועב פון דעם גוט־באַקאַנטן דואַליסטישן שקר, אַ שקר־געוועב אויף וועמענס פּאַרפירערישע פעדים עס האָט זיך, מיט דער געשיקטקייט פון אַ שפין, שנעל באַוויזן דער דורך דער קירך באַשאַפענער „דאָקטאָר דזשעקל און מר. הייד״. דאָס, מיין איך, זענען אין קורצע שטריכן די צוויי פּרינציפּיעלע סיבות וועלכע האָבן געשטערט דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג צו שפּאַנען האַנט אין האַנט מיט די טעכנאָלאָגישע דעראָבערונגען פון דער הייַנטצייַטיקער מענטשהייט.

אויב אָבער די ערשטע סיבה איז אַן אויסשליסלעך פּסיכאָלאָגישע, וואָס דרינגט אַרויס פון דער מענטשלעכער נאַטור, און איר הויפּטפעלער באַשטייט אין דעם, וואָס איר עמאָציאָנעלע כאַראַקטעריסטיק מאַכט דעם מענטש בלינד צו אַ ראַציאָנעל קעגנזייַטיקער לייזונג פון זייַנע סאָציאַל־עטישע און נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען, איז דווקא די צווייטע סיבה אַ ריין דערציִערישע, און איר קאַרדינאַלער דורכפאַל איז וואָס איר הויפּט־מעדיום, איר „מאָראַל״, מיט וועלכן זי האָט געהאָפט אַדורכפירן

איר מיסיע, האָט בלויז טעאָרעטיש פּאַרפּליכטעט אירע נאָכפאָל־גער, און מיט דעם געשאַפן די באַזע פאַר אַ דואַליסטישן אויספיר, פאַר אַ דואַליסטישער עקזיסטענץ.

די באַזע, די קירכלעכע באַזע, איז נישט קיין צופעליקייט. זי איז אויפגעוואַקסן פון אַ בראשיתדיקער קריסטלעכער אויפפאַ־סונג, וועלכע האָט, אין קעגנזאַץ צו ייִדישקייט, איר גאַנצע אָנשט־רענגונג צו ענדערן די גייַסטיקע האָריזאָנטן פון אַ געצנדינערישער וועלט, געטאָן איר אַרבעט דורך אַפּעלירן צום מענטשלעכן סענ־טימענט, איגנאָרירנדיק דערביי דעם מענטשס כאַראַקטער, וועל־כער איז פּאַקטיש די טרייַבקראַפט און גורם פון זייַן מאָראַלישן אויסקוק. אַ קלאַסישן אויסדרוק פון אָט דער כאַראַקטער־איגנאָרירונג געפינען מיר אין איינעם פון די הויפּט־פּאָסטולאַטן געפּריידיקט דורך אַ **צעליבאַלן פּריסטערטום**: „זאָלסט טאָן צו יענעם דאָס זעלבע וואָס דו ווילסט אַז יענער זאָל טאָן צו דיר". דער זין פון אָט דער לאָזונג איז פּאַרשטענדלעך, ער מיינט: „זאָלסט זייַן גוט", ווייַל, ווער וויל דען מען זאָל אים טאָן שלעכטס? אָט דער אָנהייב אַליין איז שוין אין פּרינציפּיעלער סתירה צום סאַמע תמצית פון ייִדישקייט, וועלכע הייבט זיך אָן מיט די לאָגיש שכלדיקע ווערטער וואָס חזרן זיך אַזוי פיל מאָל איבער אין די „צען געבאָט": „זאָלסט נישט" און אין אָט דעם „זאָלסט נישט" ליגט דער אונטערשייד פון אַן אינטעלעקטועלן זין, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער סינאָנים פון אַ ליכטיק דערהויבענעם ייִ־דאַיִזם.

צווישן קריסטלעכן „זאָלסט" און ייִדישן „זאָלסט נישט", איז פאַראַן אַ טיפע פּסיכאָלאָגישע מחיצה. ווייַל בעת דער ערשטער אַפּעלירט צום האַרץ, סענטימענט, רעדט דער צווייטער צום מענטשס שכל, צו זייַן אינטעלעקט און שטיצט זיך אויף אַ גראַנ־דיעזע כאַראַקטער־דערקענטעניש. איז דאָך פאַר אַ מענטש אַ סך לייַכטער **נישט צו טאָן** קיין שלעכטס, ווי צו זייַן דירעקט, אָדער אַפילו אַבסטראַקט, גוט... דאָס באַוווסטזיניקע אויסמייַדן שלע־כטס מאַכט שוין דעם מענטש במילא גוט, און דאָס איז דער

ערשטער אַטריבוט פון אַ העכערער און נאָבעלער מדרגה פון מענטשלעכן כאַראַקטער.

צי איז צוליב אָט דער ייִדישער אויפפּאַסונג געלונגען דער ייִדישקייט צו דערציִען אַ פּאָלק פון אויסשליסלעך „גוטע מענטשן" — דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך, און איך וועל זיך נאָך צו איר אומקערן, אָבער ווען מיר טראַכטן וועגן דער נישט באַלאַנסירטער לאַגע, וועלכע הערשט היינט צווישן דער „מאָראַל" און דער טעכנאָלאָגיע, ווען מענס וויגעלע איז דאָך אייראָפּע און צפון־אַמעריקע, — די הויפּט־ספּערע פון דורות קריסטלעכער ווירקונג, פאַרשטייען מיר פאַר וואָס די לעצטע איז איינע פון די סיבות, וועלכע האָבן דערפירט צו דער גראָטעסק־טראַגישער סיטואַציע: דעם מענטשס מעכאַניש־געניאַלע דערהייבן זיך צו דער לבנה, און זיין גלייכצייטיק זינקען אין אַ זומפּיקער בלאָטע פון אַ מאָראַליש־דעגענערירטער וועלט.

מיט דעם קאָמפּליצירטן באַגאַזש פון פּראָבלעמען, באַשאַפענע פון די אויבן־דערמאָנטע סיבות, שפּאַנט די מענטשהייט אַריין אין אַ גאָר נייער אומבאַקאַנטער פאַר איר דעקאַדע, און אויף די קאָסמישע האָריזאָנטן פון זיין נישט־ווייטער צוקונפט שוועבט, ווי אַ דראָענדיקע אויפגעהויבענע האַק, אַ גרויסער פייערדיקער פראַגעצייכן, וועלכער מאָלט אויף אַ פּיִאָלעט־קאָלירטן הימל פון אַן אונטערגייענדיקן טאָג, אַ סודותפולע פראַגע: וווּהין גייסטו, מענטש?

וואַהין?...

פעברואר 1970

ייִדישע געשיכטע און אַסימילאַציע

דער פּרינציפּיעלער כאַראַקטער־שטריך, וועלכער סימבאָליזירט די אידעאָלאָגיע פון דער ייִדישער געשיכטע, קאָן, מיין איך, ווערן רעזומירט אין דער קורצער פאָלגנדיקער דעפיניציע:

„אידעאָלאָגיש איז די געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, די געשיכטע פון רעוואָלט און מלחמה פאַר גײַסטיקער פרײַהייט".

זיכער איז אָט ער אייגנאַרטיקער ייִדישער אויסבליק פאַר־מירט געוואָרן דורך גאַנצע רייען אויסערלעכע און אינערלעכע פּאָליטיש־סאָציאָלע אײַנפלוסן, צווישן וועלכע די גרעסטע ראָלע האָט אָן שום ספק געשפּילט דער נביאישער אײַנפלוס, אַן אײַנ־פלוס, וואָס האָט זיך ווי אַ גײַסטיקער פאַקטאָר באַוויזן אויף אונדזער היסטאָרישן האָריזאָנט אַן ערך אַכט הונדערט יאָר פאַר דער קריסטלעכער צײַט־רעכענונג, און איז מיט דער צײַט געוואָרן דער תמצית פון דער יודאַיִסטישער אויפפאַסונג.

און מעג עס קלינגען ווי אַ מיסטעריעזער ווונדער, בלײַבט עס אָבער דאָך ווי אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז נישט קיין שום פיזישער כוח, נאָך טאַקע אַ דאַנק דער נביאישער אויפפאַסונג איז דעם ייִדישן פאָלק געלונגען אָפּצוּוואַרפן די לאָגיק פון גרוי־זאַמען געשיכטלעכן פּראָצעס לויט וועמענס געזעצן אונדזער נאַ־ציִאָנאַל לעבן האָט שוין לאַנג באַדאַרפט צו זײַן בלויז אַן אָביעקט פון אַן אינטעלעקטועל נײַגעריקער סטאַדיע.

טאַקע נאָר אַ דאַנק דער נביאישער אידעאָלאָגיע איז דעם ייִדישן פאָלק שטענדיק געלונגען אַרויסצוגיין די זיגערין פון אַלע גײַסטיקע קאָנפליקטן מיט אירע באַצווינגער, טראָץ דעם וואָס

די לעצטע האָבן זייער גײַסט, זייער קולטור אונטערגעטראָגן די ייִדן אויפן שפּיץ פון אַ שפּיז.

פינף און צוואַנציק יאָר האָט זיך דאָס קליינע ייִדישע פאָלק געשלאָגן מיט דער סעלעוקיש־גריכישער אימפּעריע, און נישט גע־וואָלט זיך אונטערגעבן דער גײַסטיקער פאַרגוואַלטיקונג פון איר נאַרישן מלך, דעם רשע אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס, וואָס האָט דווקא געוואָלט ווערן דער אָנערקענטער גאָט אויך צווישן ייִדן, ווי ער איז שוין געווען בײַ זײַנע אַלע דעמאָלט באַזיגטע פעלקער.

פאַרשטענדלעך, אַז אָט דער געצנדינערישער פאַרלאַנג האָט אַרויסגערופן אַ בלוטיקן רעוואָלט בײַם ייִדישן פאָלק, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט הינטער זיך אַ טראַדיציע פון אַן ערך אַכצן דורות דערהויבענעם מאָנאָטעיִזם, באַפליגלט מיט זעקס הונדערט יאָר נביאישער אינטערפּרעטאַציע.

און ווי עס דערציילט די געשיכטע, איז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די גריכן האָבן מיט זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט די גרעסטע מיליטערישע קראַפט, וועלכע האָט באַהערשט כמעט די גאַנצע מיטללענדישע ציוויליזירטע וועלט, איז אָבער דאָך דער קליינער יהודה געלונגען צו שלאָגן דעם האָפערדיקן אַנטיאָכוס און במילא אָפּראַטעווען דעם ייִדישן גײַסט פון דער געצנדינערי־שער פאַרפלייצונג, וואָס איז אַרויס פון די גריכישע ברעגעס, און זיך פאַרנומען צו פאַרגיסן די וועלט.

און אויך אין דער צײַט פון דער רוימישער אָקופּאַציע, ווען רוים האָט זיך אויפגעהערט צו באַגנוגענען בלויז מיט פּאָליטישער הערשאַפט, און האָט אויך אָנגעהויבן פאַרלאַנגען פון די ייִדן גײַסטיקע אונטערטעניקייט, אויך דעמאָלט איז די פיזיש־אונטער־געיאָכטע און עקאָנאָמיש־באַרויבטע יהודה אין אַ קורצן צײַט־אָפּשניט פון קאַרגע זיבעציק יאָר, דרײַ מאָל אַרויס קעגן איר אָקופּאַנט מיט בלוטיקע מלחמות, פון וועלכע די לעצטע האָט גע־דויערט גאַנצע פיר יאָר.

מיט אַ פילפאַכיקע, שטאַרקע טעכניש־אויסגעשולטע אַרמיי האָבן די רוימער טאָג בײַ טאָג האָפנונגסלאָז געשטורעמט די מויִ־

ערן פון דער פּאַרמשפּטער שטאָט ירושלים, וועלכע איז סוף־כּל־סוף געפאַלן אַ באַזיגטע נישט דורך די רוימער, נאָר דורך דעם מוראדיקן דורשט און הונגער, וואָס האָט פּאַרפאָלגט די העראָישע באַפעלקערונג, און אירע גײַסטיק־דערהויבענע פּאַרטיידיקער.

צוליב דער קורצער פאָרעם פון דער אַרבעט, מוז איך זיך באַגרענעצן נאָר צו צוויי בײַשפּילן, וועלכע אילוסטרירן, ווי אַזוי דאָס קליינע ייִדישע פאָלק האָט שטענדיק געוואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם מחבלדיקן גלית, ווען דער לעצטער האָט באַדראָט איר עצם לעבן, איר גײַסטיקע פרײַהייט.

אָבער, ס'איז גאָר קיין ספק נישט, אַז עס וואָלט בכלל נישט שווער געווען אויסצופילן אַ גאַנצע ביבליאָטעק מיט ווערק וועלכע זאָלן אויסשליסלעך דערציילן נאָר די נאַקעטע היסטאָרישע פאַקטן פון ייִדישער מלחמה און רעוואָלט פאַר פאָלקישן קיום און גײַסטיקער פרײַהייט.

אין ליכט פון אָט דער אַלגעמיינער אָנערקענטער רעאַליטעט קוקט טאַקע אויס ווי אַ פענאָמענאַלער פּאַראַדאָקס דער פאַקט, וואָס אַ פאָלק מיט אַזוי פיל אָנגעזאַמלטער נאַציאָנאַלער אויסגעהאַלטנקייט, כאַראַקטער און גײַסטיקער דערוואָקסנקייט זאָל זיך נישט קאָנען אַן עצה געבן מיט איר דורות־לאַנגער אַסימילאַטאָרישער פּלאָג, וועלכע פאַרפאָלגט און צעשטערט, ווי אַ קרעבס, די מענטשלעכע קעמערלעך אין איר נאַציאָנאַל געזונטן געוועב.

און טראָץ דעם וואָס עס וואָלט געווען אַ טעות צו טראַכטן, אַז אַסימילאַציע איז אויסשליסלעך אַ ייִדישע „פּריווילעגיע", איז אָבער צוליב דער אייגנאַרטיקייט פון דער ייִדישער אויפפאַסונג, וועלכע מאַניפעסטירט זיך נישט נאָר אין אַ ייִדישער נאָר אין אַן אַלגעמיינער אַלוועלטלעכער לייזונג פון מענטשלעכע באַציִונגען, דער פּראָבלעם פון ייִדישן יחיד, וואָס ווערט בטל אינעם פּראָצעס פון אַן אַסימילאַטאָרישער מעטאַמאָרפאָזע, — ספּעציפיש אייגנאַרטיק.

ווײַל, ווען נאָך עטלעכע דורות ווערט פון אַן ענגלענדער אַ פראַנצויז, פון אַ האָלענדער אַ דייטש, אָדער פון אַ פּאָליאַק אַ רוס,

איז די פאַרגעקומענע אַסימילאַטאָרישע טראַנספאָרמאַציע אויס־שליסלעך אַ נאַציאָנאַל־באַגרענעצטע, אָבער ביי אַ ייִד? ייִדישקייט איז נישט נאָר נאַציע, נישט נאָר לאַנד, נאָר טאַקע אויך אידעאָ־לאָגיע, טאַקע אויך וועלט־באַנעם, וועלכער באַמיט זיך אויפקלערן דעם יחידישן שייכות צו דער האַרמאָניע פון דעם אַלגעמיין־אוניווערסאַלן, אַ באַגריף, וואָס איז אַזוי צענטראַל צו אַלע אָן אויסנעם דערהויבענע אידעען, און דערפאַר דער ייִדישער בראשית אין קריסטנטום, אין איסלאַם, און אויך אין ראָמאַנטישן סאָ־ציאַליזם, וואָס איז דאָך אין לעצטן סך־הכל, נישט עפּעס אַנדערש, ווי סעקולאַריזירטער משיחיזם. דערפאַר פאַרלירט דער ייִדישער מענטש דורך אַסימילאַציע נישט נאָר זיין נאַציאָנאַל־ביאָלאָגישע אָנגעהעריקייט, נאָר אויך זיין גייסטיק־אידעאָלאָגישע.

דער מדרש זאָגט (מגילה י׳), אַז בעת די מצרים האָבן זיך געט־רונקען אין רויטן ים האָבן די מלאכים, פאַר פרייד צוליבן נס פון מציל זיין די ייִדן, אָנגעהויבן זינגען שירה. האָט גאָט זיי גלייך פאַרשטומט, זאָגנדיק צו זיי: מעשי ידי טובעין בים, ואתם אומרים שירה — ייִדיש הייסט עס: מיינע באַשעפענישן ווערן דערטרונקען און איך גלוסט זיך גאָר זינגען?... וואָס פאַר אַ ליכטיקן אינטערנאַציאָנאַליזם שטעלן מיט זיך פאָר אָט די ייִדישע ווערטער? וואָס פאַר אַ טיפע מענטשלעכע אָנערקענונג. און דאָס איז דאָך געזאָגט געוואָרן נישט ווייניקער ווי אַן ערך פופצן הונדערט יאָר פאַר דעם ווי רוסאָ, סען־סימאָן, פוריע און קאַרל מאַרקס זענען אַפילו נישט אין פלאַן געווען...

און דאָך, טראָץ דער ייִדישער אוניווערסאַלער גרויסקייט, טראָץ דעם וואָס ייִדישע עטיק איז, אין פולן זין פון וואָרט, דער אַלגעמיין אָנערקענטער ליכטיקער שטערן אין דער גייסטי־קער קאָנסטעלאַציע פון דער עטישער ספערע, אין וועלכער די אַזוי־גערופענע מערב־אייראָפּעיִשע וועלט לעבט, און אַלע אַרום איר „גייסטיקע פלאַנעטלעך" לייכטן און באַוועגן זיך נאָר אַדאַנק דעם חסד פון איר בראשיתדיקן שיינען, לעבט אָבער פאָרט דער ייִדי־שער אַסימילאַטאָר מיט דער אילוזיע אַז דורך דעם פטור ווערן

פון ייִדישקייט, דורך דעם פּטור ווערן פון זײַן שפּראַך, סביבה און טראַדיציע, טרעט ער אַרײַן אין אַ נײַער, ברייטער, שענערער פֿאַר אים קולטור־וועלט, בעת אין דער ווירקלעכקייט איז עס פּונקט פֿאַרקערט — פון אַ וועלט אַ דערהויבענער, פֿאַלט ער אַראָפּ צו אַ באַגרענעצטער נישט־פֿרײַנדלעכער פֿאַרעם פון אַן ענגן אידעאָ־לאָגיש פּאַראַקיאַלן לעבן.

און כדי גרינטלעך צו פֿאַרשטיין, די כאַראַקטעריסטיק פון אַסימילאַטאָר, זײַנע נאַטירלעכע נײַגונגען, מוזן מיר פריִער פֿאַר אַלץ, פּונקט ווי אין דער מעדיצין, וועלכע פֿאַרשטייט דעם חולה דורך דערקענען זײַן קראַנקהייט, פֿאַרשטיין דעם כאַראַקטעריס־טישן פּראָצעס פון אַסימילאַציע, וועמענס דאָמינירנדיקער סאָ־ציִאַלאָגישער געזעץ איז אין תוך געגומען געגוי דער זעלבער, ווי דער פיזיאָלאָגיש מעדיציניסער, ווײַל אין ביידע פֿאַלן ווערט אַסי־מילאַציע אויסשליסלעך פֿאַרשטאַנען, ווי דער אַלגעמיינער פּראָ־צעס פון פֿאַרדײַונג, און אויך אין ביידע פֿאַלן, אין מענטשלעכן ווי אין סאָציִאַלן אָרגאַניזם, ווערט דער טעמפּאָ, דער צײַט־פֿאַק־טאָר פונעם פּראָצעס באַשטימט דורך דער שטאַנדהאַפטיקייט און כאַראַקטער פון אָביעקט, וואָס האָט זיך אין אָט דעם פֿאַרדײַונג־סיסטעם אַרײַנבאַקומען.

און פּונקט ווי אין פיזיש מענטשלעכן פֿאַרדײַונג־סיסטעם ווערט די שוואַכערע אין שטאַנדהאַפטיקייט שפּײַז שנעל דורך אַסימילאַציע פֿאַרניכטעט, אַזוי אויך אין סאָציִאַל־געזעלשאַפטלע־כן; דער נישט־נאַציִאָנאַל שטאַנדהאַפטיקער, אין אונדזער פֿאַל: דער ייִדישער־כאַראַקטערלאָזער מענטש, איז דער פּאָטענציִאָנעלער אָביעקט פֿאַרניכטעט צו ווערן דורך אַסימילירנדיקער פֿאַרדײַונג, ווײַל זײַנע גרונטגעזעצטע כאַראַקטערשטריכן זענען האַרמאָניש צו דער שפּײַז וואָס געפינט זיך צווישן די אומרחמנותדיקע מוסקולן פון מענטשלעכן מאָגן...

און ס'איז „אינטערעסאַנט", וואָס נישט געקוקט אויף אָט דער מאָראַלישער געפֿאַלנקייט פון אַסימילאַטאָר, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זײַן צושטאַנד איז אין תוך געגומען גײַסטיק

סינאָנים צו דער זיך־טראַנספאָרמירנדיקער שפּיַיז אין אַ פינצטערן מענטשלעכן אינגעווייד, קוקט ער אָבער פאָרט „פון אויבן אַראָפּ" צום גייסטיק־געזונטן ייִדישן ייִד, וועלכן ער באַטראַכט אויך פאַר זײַן אייביקן שונא.

פאַרשטענדלעך, אַז דעם אַסימילאַטאָרס אַראָפּקוקן איז, ווי אין יעדן פאַל, אַן אויסגעשפּראָכענער פּסיכאָלאָגישער דעפעקט, וואָס נעמט זיך, ווי בײַ יעדן איינעם יחיד, פון אַ שוידערלעכן מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, פון וועלכן ער לײַדט.

אָבער די אייביקע שׂנאה? זי איז שוין דווקא אַ פּראָדוקט פון אַ גאָר „רעאַלער סיטואַציע". ווײַל טראָץ אַלע געזעלשאַפטלעך אַקראָבאַטישע שטיק פונעם אַסימילאַטאָר, וועלכע צילן חניפהדיק צו פאַרדעקן זײַן ייִדישן אָפּשטאַם, און דאַרפן אויך במילא באַרעכטיקן זײַן אַרײַנבאַקומען זיך אין דער סביבה פון גויִשן שכן, באַטראַכט אים אָבער פאָרט דער לעצטער ווי אַ פרעמדן נישט־געוווּנטשענעם אַרײַנדרינגער, וועלכן ער אידענטיפיצירט — נישט געקוקט אויף דעם אַסימלאַטאָרס סופּער־גויִשער אויפפירונג — מיט זײַן ייִדיש־רעדנדיקן ברודער, טאַקע דעם ברודער אין וועמען דער אַסימילאַטאָר זעט דעם אייביקן מוסר־פּלעק אויף זײַן אומ־לעגאַלער „וויזע", מיט וועלכער ער האָפט דאָך אַמאָל, טראָץ אַלע שוועריקייטן, צו גנבענען די גרענעץ פון זײַן אויסגעטרוימטן גויִשן קעניגרײַך. דאָס קעניגרײַך וואָס גיט, פון צײַט צו צײַט, דעם אַסימלאַטאָרס אויסגעשמדטע אייניקלעך די אידעאַלע פּראַקטישע מעגלעכקייט אָפּצורעכענען זיך מיט די אַמאָליקע נאָך אַלץ „פאַר־עקשנטע" קרובים פון זייער אַזוי פּיִאָנערישן טאַטעלע.

אָבער די ייִדישע געשיכטע, און דווקא די ייִדישע ווירקלעכ־קייט, איז דער בעסטער פּראַקטישער עדות, אַז די גײַסטיק־דערוואַקסענע ייִדן זענען קיינמאָל נישט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט און געוואַרט אויף הימלישע נסים, וואָס זאָלן ראַטעווען דאָס פאָלק פון אַ געפאַר, וואָס האָט באַדראָט איר עצם עקזיס־טענץ. פאַרשטענדלעך אַז די גראַדאַציע פונעם קעגן־אָנגריף, זײַן מילדקייט צי אינטענסיווקייט, איז שטענדיק געווען אָפּהענגיק

נישט פון דער אַסימילאַטאָרישער אַגרעסיוויקייט, נאָר פון נאַציאָ־נאַלער וואַכזאַמקייט פונעם יִשוב, און די גײַסטיקע קוואַליטעט פונעם יִשובס פירער...

דער אייביק יונגער תנ"ך, (אין בראשית ל"ד) דערציילט אונדז אַ ביזאַרע געשיכטע, ווי אַזוי די זין פון יעקב, שמעון און לוי, האָבן צוליב דער פאַרגוואַלטיקונג פון זייער שוועסטער דינה, אָן רחמנות אויסגעשאָכטן אַ גאַנצע שטאָט מענער, צוזאַמען מיט זייער עלטסטן, חמור, און זײַן זון שכם, טראָץ דעם וואָס שכם, דער איינציק־פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער אָפּגעטאָנענער נבלה האָט באַגערט דינהן פאַר אַ ווײַב, און האָט אויך געגאַרט צו האָבן אַלע אַנדערע יִדישע טעכטער ווי ווײַבער פאַר די יונגען פון דער שטאָט שכם, און די טעכטער פון שכם זאָלן ווערן געזעצלעכע ווײַבער פון יעקבס זין. כ'לעבן, גאָרנישט קיין שלעכטע „פּראָפּאָזיציע". ווי מיינט איר עפּעס, יִדן? שטעלט אײַך נאָר פאָר ווען אַזאַ פאָרשלאָג, אַזאַ „גליק" וואָלט געטראָפן אונדזערע הײַנטיקע יאַהודימלעך, טאָקע די מיט ליידיקע קעפּלעך, וואָס פאַלן כורעים פאַר גויִשע היטעלעך, מיט גאָלדענע קנעפּלעך... מ'וואָלט דאָך בײַ זיי פאַר שׂמחה געטאַנצט אויף טיש און אויף בענק, און וואָלט אַ צווייפלער געוואַגן צו זאָגן **לאָ**, וואָלט ער שוין זיכער נישט באַוויזן צו זאָגן אַפילו **אוי...**

אָבער די מעטאַפאָרישע חכמה פון קלוגן תנ"ך, וואָס האָט נאָר מיט אייניקע קאַפּיטלעך פריִער געוווּסט צו דערציילן, ווי אַזוי גאָט אַליין איז גרייט געווען, אין זכות פון בלויז צען צדיקים צו פאַרגעבן אַ גאַנצער שטאָט מיט רשעים (סדום), וויל אָבער נישט גיין אויף קיין יאַהודישע פשרות אין שכם, און פאַר דער אָפּגעטאָנענער נבלה פון איין מענטש, „שעכט ער אויס" אַ גאַנצע שטאָט מיט „אומשולדיקע מענטשן".

פאַרוואָס? ! ווײַל שכם סימבאָליזירט אינעם תנ"ך, און אין דער יִדישער געשיכטע בכלל, דעם אָנהייב פון אַ כסדרדיקער געפערלעכער פאַר יִדן אידעאָלאָגישער אַנטיטעזע וואָס הייסט

אַסימילאַציע, וועמענס טרעגער דער תנ"ך האָט אַזוי גוט פאַרויס־געזען.

און הײַנט, ווען מיר קוקן אין רעטראָספעקטיוו אויף פיר טויזנט יאָר ייִדישער געשיכטע, פאַרשטייען מיר ווי אויסגעצייכנט גוט האָט דער תנ"ך פאָרויסגעזען און אָפגעשאַצט דעם סכנות־דיקן, נאָך אַלץ פאַר אונדז אַקטועלן, אייביקן קאָנפליקט מיט „שכם", און טאַקע אין איצטיקן מאָמענט, ווײַל „שמעון און לוי" זענען אַזוי „ביזי" אין האַלטן אַן אויג אויף אונדזערע שונאים, לענג אויס די ישראל־גרענעץ, האָט זיך טאַקע **שכם** אַרײַנ־געריסן, און דאָס מאָל מיט גאָר פאַרשאַרטער חוצפה אין דער אַזוי אָפגעשוואַכטער דורך היטלערן ייִדישער דיאַספּאָרע, און זיי, די שכמ׳ניקעס פאַרוואַלטיקן, באַרויבן און צעשטערן...

און ווי עס זעט אויס, איז דאָ אַ פּאַקטישע געפאַר, אַז אויב ס׳זאָל תיכף נישט קומען קיין הילף, קיין גוט דורכגעטראַכטע קאָנסטרוקטיווע **ייִדישע הילף**, און דווקא פון ירושלים, וועט נישט מער ווי אין פופציק און אפשר נאָך ווייניקער יאָרן אַרום פאַרשווינדן אין גאַנצן פון דער ייִדישער געאָגראַפיע דאָס טײַערע „הינטערלאַנד", אין וועלכן אַ גאָר גרויסער טייל פון יעקבס קינ־דער האָבן זיך שוין מיט הסכמה צעשמייכלט, מיט אַ נאַריש פאַרגרעבטן שמייכל צו דער גאָלדענער „פּראָפּאָזיציע" פון הײַנ־טיקן שכם...

1971 אויגוסט

די ווירקלעכקייט
פון בלויען וואַנדער

דער איינזאַמער מענטש
(בילד פון יידישן לעבן אין אויסטראַליע)

די זון איז אַוועק הינטער די בערג און דער טאָג האָט געהאַלטן בײַם אויסגיין. אַ גרויער שלייער האָט אײַנגעהילט די הײַזער. די גאַסן־לאָמפּן האָבן זיך געצונדן מיט צעבראָכענע שטראַלן און דורכגעשטאָכן דעם פּײַכטן נעפּל, וואָס האָט זיך צעלייגט אויפן טרוקענעם אַספאַלט מיט נאַסע פלעקן.

שטיל איז געווען אין טונקל־באַלויכטענעם זאַל פון שטאָ־טישן האָטעל. פון די ווײַס־געדעקטע טישלעך, אַרום וועלכע עס זיצן פּאָרלעך, אויך איינצלנע מענטשן, שײַנען אַראָפּ ברוין־בורש־טינענע גלעזער, וואָס שוימען זיך מיט ווײַסער פּיאַנע. די אַש־בעכערס זענען איבערפולט מיט אויסגעברענטע און האַלב־אויס־געברענטע ציגאַרעטן, וואָס פילן אויס די לופט מיט אַ שטאַרקן געשטאַנק פון ניקאָטין. פון ערגעץ־ווו טראָגן זיך קלאַנגען פון אַ דזשאַז־אָרעקסטער.

אין דעם אָ זאַל, און אין דער אַטמאָספער, האָב איך געטראָפן מײַן אומבאַקאַנטן פרײַנד. איינער אַליין איז ער דאָרט געזעסן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף זײַן דאַרער האַנט און מיט האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן געקוקט אויף זײַן נאַר־וואָס ליידיק־געוואָרענעם גלאָז.

דערזעענדיק אַ ייִדיש פנים האָט ער ווי אויפגעלויכטן, און מיט אַ גאַסטפרײַנדלעכן זשעסט מיר אונטערגערוקט אַ בענקל. נאָך אַ גלעזל זענען מיר געוואָרן גאָר היימיש.

און אָט איז די געשיכטע וואָס מײַן אומבאַקאַנטער פרײַנד

האָט מיר — אין נעפל פון רויך און אין דער האַלב־טונקעלער שײַן — פּאַרטרויט:

— איך ווייס נישט צי איך דאַרף דאָס אײַך דערציילן — האָט ער אָנגעהויבן — און אפשר וועט אײַך דאָס לגמרי נישט אינטערעסירן און אַפּילו גאָר לאַנגווײַליקן. נישט אין דעם גייט עס — זעצט ער פאָר שיכורלעך — זאָל זײַן, אַז איר הערט מיך נישט. איך וואָלט אָבער איצט גערעדט, ווען אַפּילו קיינער זאָל נישט זיצן מיט מיר. עס איז מיר אַזוי ביטער, אַז עס גייט מיך גאָרנישט אָן. איבעריקנס, קיינער הערט מיך סײַ ווי נישט. דאָס איז אייגנטלעך דער עיקר. קיינער דאַרף מיך נישט, קיינער וויל מיך נישט. איך בין איינער אַליין, אַליין אויף דער גאַנצער וועלט.

איר הערט?!

אַלע האָבן זיי מיך פאַרלאָזט: מײַן זונדל, די טאָכטערקע, און אַפּילן זי, מײַנע, וואָס האָט מיך שטעניק גערופן „איר אויג אין קאָפּ"; אַפּילו זי דאַרף מיך אויך מער נישט האָבן. פון אַן אויג אין קאָפּ בין איך געוואָרן אַ דאָרן אין אויג. האַ?! ווי געפעלט דאָס אײַך? און אַלץ איז געשען איבער נאַכט. אַזאַ צרה.

אַ גאַנץ לעבן האָט קיינער נישט באַמערקט מײַנע חסרונות, און אפשר האָט מען יאָ באַמערקט, נאָר אויס מורא, אָדער אויס דרך־ארץ נישט גערעדט דערוועגן. ווער ווייסט? נאָר מיטאַמאָל, אַזוי ווי אַ בייזער מבול פון הימל וואָלט זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזן, נאָר מען מאַטערט מיך, נאָר מען האַלט מיך אין איין אויסבעסערן. נאָר זיי ווילן מיך מאַכן פאַר אַ „מענטש". נאָך פופציק יאָר פון מײַן לעבן האָבן זיי אויסגעפונען, אַז איך עס נישט שיין. איך זופּ הויך, זאָגן זיי. אַרט עס זיי, אַז איך האָב הנאה פון מײַן אייגן עסן. עס איז נישט עסטעטיש — שרײַען זיי אַלע אין איין קול. נו, און שרײַען אויף אַ טאַטן און מאַטערן אים, איז יאָ עסטעטיש? פרעג איך.

נאָר, רעדט צו דער וואַנט. זיי הערן מיך ווי דעם קאָטער. איך רייכער מײַנע ציגאַרעטן. עס שטינקט, האַ? וואָס זאָגט איר צו דעם? אַזוי אָבער זאָגט מײַן אייגענער זונדל. מײַנע ציגאַרעטן

שטינקען, אָבער זײַנע ציגאַרן, פֿאַרשטייט זיך: פֿאַר מײַן געלט, זײַנע ציגאַרן שמעקן... פֿאַרוואָס נישט? זיי קאָסטן דאָך אים גאָרנישט און זענען דעריבער פֿון דער בעסטער קוואַליטעט. ווען איך זאָל נישט דאַרפֿן צאָלן, וואָלטן מײַנע אויך געשמעקט.

איצט האָבן זיי אויסגעפֿונען אַז איך שנאָרך אין שלאָף. דאָס איז געוויס געמיין פֿון מײַן זײַט. דער טײַוול ווייסט זיי, פֿון וואַנען ווייסן זיי, אַז איך שנאָרך, אַז זיי זענען זעלטן אַמאָל אין דער היים? אין דעם גרויסן הויז ווין נאָר איך אַליין.

מײַן זונדל שלעפּט זיך איבער די גאַסן ביז אין די שפּעטע שעהען פֿון מאָרגן. מײַן טאָכטערקע ווינט מיט אַ „פֿרענד". עס איז מער „פֿאָן" — זאָגט זי. און טאַקע פֿאַרוואָס נישט? אַז דער טאַטע צאָלט איר דירה־געלט האָט זי „פֿאָן". וואָס גייט עס איר אָן, אַז איך בין איינער אַליין אין דער גרויסער ליידיקער פּיראַמידע וואָס מײַן ווײַבל האָט אויסגעבויט. איינער אַליין דריי איך זיך אַרום אין די ליידיקע פּוסטע צימערן. כדי צו פֿאַריאָגן די איינזאַמקייט, שטעל איך אָן אַלע מײַנע טעלעוויזיעס, ראַדיאָס און רעקאָרד־שפּילערס, כדי איך זאָל כאָטש הערן אַ מענטשלעך קול. איך נאַר זיך אַליין אָפּ. איך האָב זיך שוין צוגעוווינט אַליין זיך צו נאַרן.

זי, מײַנע? ווער זעט זי? אָדער זי איז אין אויסלאַנד, אָדער, ווען זי איז שוין אין דער היים, איז זי כסדר פֿאַרנומען מיט קאָרטן, בעלער, סאָסעיטיס, און אַנדערע אַזעלכע געשעפֿטן. כ'זע זי נאָר אינדערפֿרי בײַ דער קאַווע, און דאָס נאָר אַ פּאָר מינוט.

טרעפֿט אַמאָל אין אַ יובל, אַז מען נעמט מיך מיט אויף אָפּרו, פֿאַרשטענדלעך פֿאַר מײַן געלט, איז עס ערשט פֿאַר מיר אַ גיהנום...

באַלד אין די מאָרגן־שעהען הייבט זיך עס אָן, באַלד בײַם אָנטאָן זיך. מײַנע קליידער געפֿעלן זיי נישט. דאָס מאַכט מיך צו אַלט (דאָס זאָגט, פֿאַרשטייט זיך, מײַנע), דאָס איז נישט קיין קאָליר פֿאַר פּרישטיק, און עס לאָזט זיך אויס, אַז איך האָב

אינגאַנצן נישט קיין געשמאַק. כאָטש נעם און גיי צום פרישטיק נאַקעט...

ווען איך קום שוין מיט מזל צום טיש, שרויפן זיי מיך אַלע דורך מיט די אויגן, איך בין נישט זיכער מיט מײַן לעבן אויב איך פאַרטויש דאָס שמיר־מעסער מיטן פלייש־מעסער. אַלע דרײַ זענען גרייט מיך צו שעכטן.

פון אויפמאַכן דאָס מויל איז שוין אָפגערעדט. מײַן ענגליש פּאַסט זיי נישט. און ייִדיש — זאָל גאָט אָפּהיטן, עס קאָן קומען צו אַן אומגליק. זיץ איך מיט זיי ווי אַ וואַקסענע פיגור און פיר אויס זייערע שטומע באַפעלן, אַבי עס זאָל זײַן שלום.

איך געדענק זייער גוט ווי מיט אַ יאָר צוריק האָבן זיי מיך מיטגענומען אויף אַ „קאַוז", אַזאַ רײַזע צווישן די אינדזלען פון אויסטראַליע. זאָל עס טאַקע אויסגיין צו אַלע בייזע חלומות, וואָס פאַראַ רייזע איך האָב געהאַט.

די שיף האָט געהאַט אַן איטאַליענישע באַדינונג. נו, איטאַ־ליעניש קען איך נישט. רעדן ענגליש טאָר איך נישט. האָב איך זיך אַרומגעדרייט עלנט. האָט זיך געטראָפן אַז איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ ייִדיש וואָרט, געמיינט אַ שיף־אָפיציר פאַר־שטייט דײַטש, האָב איך גערעדט אַ ביסל דײַטשמעריש. יענער האָט גוטמוטיק געלאַכט און מיר געגעבן צו פאַרשטיין אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט.

נאָר מײַן טאָכטערקע האָט אויפגעכאַפּט דאָס ייִדישע וואָרט. פרעגט שוין נישט וואָס עס האָט פּאַסירט. זי האָט באַקומען קאָפּ־ווייטיק, גענומען ספּאַזמירן און טאַקע אויף אַזאַ אופן, אַז מען האָט געמוזט רופן דעם יונגן שיפס־דאָקטער, מיט וועלכן זי שפּילט אַ גאַנצן טאָג. מיט טאַבלעטן און קאַלטע קאָמפּרעסן האָט ער זי קוים באַרויִקט. פאַרשטענדלעך, אַז נאָך אַזאַ פּאַרציע האָט מיך מײַנע זייער איידל געבעטן איך זאָל זיך אַ ביסל אַוועק־לייגן אין דער קאַבינע און ליגן דאָרט גאַנצע צוויי וואָכן. זי האָט מיר דערבײַ געזאָגט, אַז דאָס וועט אַלעמען גוט מאַכן און ספּע־ציעל מיר אַליין...

אַזוי זעט אויס מײַן גאַנץ לעבן. איך האָב זיך גוט אויסגע־האָרעוועט און געגעבן זיי אַלץ אין דער וועלט. איצט דאַרפן זיי מיך מער נישט האָבן. זיי וואַרפן זיך מיט מיר אַרום ווי מיט אַן איבעריקער שמאַטע. איך האָב נישט װוּ זיך אַהינצוטאָן.

— איך בין איבעריק... — האָט ער אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט און איז שטיל געבליבן. שטיל אַראָפּגעלאָזט די פּײַכטע אויגן, האָט ער שטאַר געקוקט אין זײַן ליידיק־געוואָרענעם גלאָז, אַזוי ווע ער וואָלט אין דער ליידיקייט זײַן לעבן דערזען...

אין זאַל איז איצט גאָר שטיל. אַ סך פון די געסט זענען שוין לאַנג אַוועק שלאָפן. די קעלנערס אין זאַל באַוועגן זיך אויף די שפּיץ פינגער און לעשן די לעמפּלעך פון די ליידיק־געוואָרענע טישן. אַלץ ווערט אײַנגעהילט אין חושך.

מײַן פרײַנד גרייט זיך צום גיין זייער לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט נישט געהאַט װוּ צו גיין.

— עס ווערט שפּעט, עס איז שוין שפּעט — זאָגט ער ווי צו זיך אַליין און רירט זיך קוים. — אַ גוטע נאַכט אײַך און אַ דאַנק פאַרן אויסהערן מיך.

מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט גייט ער אַרויס און ווערט פאַרלוירן אין דער שטומער נאַכט. אין איר פינצטערניש האָט ער זיך אײַנ־געהילט און אַוועק מיט זײַן אַנטוישונג.

און אפשר איז עס בלויז אַ חלום?

שוין אַריבער מער ווי אַ האַלבע נאַכט, און דער שלאָף האָט מיך נאָך אַלץ נישט גענומען, מיט ברייט צעעפנטע אויגן שטעך איך דורך די פינצטערניש פון צימער, אויף וועמענס ווענט עס הענגען איצט אומגעלומפּערטע שטיקער חושך, וואָס וויגן זיך ווי שוואַרצע, דורך ווינטן צעריסענע זעגלען פון גזלנישע שיפן, וועלכע לויערן אויף די אומרויִקע כוואַליעס אין אַ ים פון נאַכט. נאָר ערשט דעמאָלט ווען דער מאָרגן האָט זיך מיט מעטאַלענער גרוי־קייט גענומען דורכרײַסן דורך די שפּאַרעס פון שלעכט־פאַר־האָנגענעם פענצטער, בין איך אײַנגעשלאָפן...

און דאָ איז דער נעפל געוואָרן וואָס אַ מאָל געדיכטער און שוואַרצער. עס האָט אויסגעזען ווי אַלע וואָלקנס פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך צונויפגעקליבן און אָן רחמנות זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די מענטשן און הײַזער פון דער הילפלאָזער שטאָט. און פונקט ווי אין אַ מוראדיקער לעגענדע, איז די פאָרמלאָזע נאַסע שוואַרצקייט, ווי אַ בייזע צעשויבערטע מכשפה, פויל געקראָכן איבער די גאַסן און מיט חושך בלינד געמאַכט די אַהיים־אײַלנ־דיקע מענטשן, וועמענס נערוועזע טריט עס האָבן אָפּגעהילכט אין דער אומהיימלעכער שטילקייט ווי דאָס כאַאָטישע לויפן פון אַ דעמאָראַליזירטער אַרמיי באַזיגטע סאָלדאַטן. דערווײַל האָט אַ באַנדע קרימינעלע זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט און פאַרכאַפּט די מאַכט... אין לאַנגע שוואַרצע לעדערנע מונדירן מיט העסלעך־אויסגעקרומטע פּנימער פון וועלכע עס האָבן, ווי געהיימע עלעקט־רישע לעמפּלעך, שטענדיק געקוקט שפּיאָנירנדיקע אויגן, האָבן

באַלד זיך גענומען צו פּייניקן און מאָרדן, — טעראָריזירן די שוצלאָזע באַפעלקערונג.

טאַקע אין איינעם פון יענע פאַרצווייפלטע מאָרגנס, גאַנץ פרי, אַזוי ווי עס האָט נאָר גענומען גרויען, בין איך אַרויס פון שטוב. די גאַס, אַרומגעזוימט פוןביידע זייטן מיט אַלטע גרויע אָפּגעריבענע הייזער, איז געווען ליידיק און אומעטיק, ווי אַ שוין־לאַנג־פאַרגעסענער בית־עולם. מיט שטילע אָבער שנעלע טריט, ווי אויס שרעק פאַר טויטע, בין איך אויף די שפּיץ פינגער אַדורך דעם וועג צו דער שטאָטישער קיך, וווּ מען האָט יעדן פרימאָרגן אויסגעטיילט הייסע קאַווע, נאָר, ווייזט אויס, אַז צוליב דער גרויער נעפּלדיקייט האָב איך פשוט פאַרבלאָנדזשעט, און ווי נאָר איך האָב זיך געוואָלט אומקערן צו מיין באַשטימטן דורך די קרימינעלע פאַר מיר ווינ־געביט, וועלכן, אונטער דער שטראָף פון טויט, כ׳האָב נישט געטאָרט פאַרלאָזן, איז, ווי אין אַ בייזן חלום, אויסגעוואַקסן נעבן מיר מיין געוועזענער „בלאָנדער״ שכן, וואָס האָט זיך גלייך מיט אַ קול פון אַן אָפּגעבריטן חזיר צעשריגן: יודע! יודע! יודע! און באַלד האָבן זיך — ווי אין אַ טראַגי־קאָמישן מאַריאָנעטן־טעאַטער — אויפגעפּראַלט הונדערטער אויף־גרין־אָפּגעשמירטע פענצטער, פון וועלכע עס האָבן נשמהלאָזע ליאַלקעס, געשטרעקט טויזנטער בלאָנדע קעפּלעך וואָס האָבן מיט בלויע שנאהדיקע בליקן, און מיט אויפגערעגטע צעריסענע מיילער, כאָראַל מיטגעליאַרעמט: יודע! יודע! יודע! יודע! דאָס האָט, פאַרשטענדלעך, באַלד אַליאַרמירט די היטערס פון דער קרימי־נעלער מאָראַל, וואָס האָבן גלייך ווי אַ סטאַדע בילנדיקע הינט גענומען לויפן צו מיר פון אַלע אַרומיקע גאַסן.

ווי אַ פאַרפאָלגטע חיה, וואָס פילט אינסטינקטיוו אַז זי איז אַריין אין דער נעץ פון אַ פאַרניכטנדיקן יעגער, האָב איך זיך אינטואיטיוו געטראָגן ווי אַ נישטגוטער דורך די פינצטערע געסלעך, איבער וועמענס געהיימע פאַרצוימונגען כ׳בין געשפּרונגען מיט דער לייכטקייט פון אַ צעשראָקענעם האָז. און ווי נאָר כ׳האָב דער־

גרייכט מײַן הויז, האָב איך מיטדער פּאָרזיכטיקייט פון אַ גנב געעפנט מײַן אייגענע טיר און גלײַך זי צוריק פון אינעווייניק פאַר־מאַכט מיט אַ טוץ אייזערנע ריגלען...

דערווײַל איז אין דרויסן געווען אַ טויטע שטילקייט, קיין שום באַוועגונג, קיין שאָרך, אַזוי ווי אין אַן אויסגעליידיקטער פּוסטקייט. דאָס האָט אין מיר דערוועקט אַ שטיקל האָפענונג, ווער ווייסט — האָב איך געטראַכט — אפשר האָבן דאָך די קרימינעלע נישט באַמערקט ווו איך ווױן און וועלן טאַקע נישט ווייסן ווו מיך צו זוכן, ווער ווייסט, עס קאָן דאָך אַלץ פּאַסירן... אַך, וואָס פאַר אַ נאַרישע אילוזיע דאָס איז געווען ! די קרימינעלע קאָן מען נישט און מען וועט זיי נישט אָפּנאַרן. אויף דעם זענען זיי דאָך קרימינעלע מען האָט נאָך אַפילו געזאָגט, אַז זיי זענען אין דער פינצטער אַ סך בעסער ווי אַ פּשוטער מענטש בײַ ליכט, און גיי טו זיי עפּעס...

און טאַקע ווי אָפּגעמאָסטן, פּונקט צו זייער באַליבטער שדים־שעה, דעמאָלט ווען די גאָלדענע מעלאַנכאָליע פון דער האַלב־פאַרוואָלקנטער לבנה לאָקט מיט קראַנקער גלוסטונג די בייזע גײַסטער וואָס קריכן ווי רוצחישע לצים, מיט מכשפה־פײַערלעך אין די אויגן, אויף די הויכע ווענט פון דרימלדיקע הײַזער, פּונקט דעמאָלט האָב איך פון דער דורך־חושך־פאַרגוואַלטיקטער גאַס דערהערט דעם פאַרשאַרטן טראָט פון די אַראָגאַנטע שטיוואַלעס, וואָס האָבן מיט כוליגאַנישער האָפערדיקער העלדישקייט גענענ־טערט צו מײַן שטוב, און, ווי מאָדנע נישט פאַרשטענדלעך איז דאָס אַלץ געשען. מײַן שטענדיק געטרײַע טיר, מיט אירע קלוגע ביז עקשנות פאַרזשאַווערטע שלעסער, האָט נישט געשטעלט דעם מינדסטן ווידערשטאַנד, נאָר אַליין, ווי אַן אָפּגענאַרטע צנועה פאַר איר פאַלשן געליבטן, זיך געעפנט און אַרײַנגעלאָזט די אומ־געבעטענע „געסט״ אין שוואַרצע, ווי בײַ הענקער, לאַנגע קליידער, פון וועלכע עס האָבן זיך אויסגעטיילט קאַלך־ווײַסע עמבלעמען פון טויטן־קעפּ, וועמענס אויסגעהוילטע אויגן־לעכער האָבן מיט רציחה און חוזק געפינטלט ווי בײַ קלאָונען אין אַ צירק.

האָבן זיי טאַקע אונטער דער אָנפירונג פון „בלאָנדן" שכן אַרײַנ־מאַרשירט צו מיר אין שטוב.

און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּיבערהאַפּטע זוכעניש, בײַ װעלכער דער „בלאָנדער" האָט אַרויסגעװיזן גאַר גרויסע קענטע־נישן און פלײַס, אַזוי אַז װאָלסט ממש געשװוירן אַז ער איז נישט קיין גרינער אין דער פּראָפעסיע, נאָר קומט דווקא פון אַ משפּחה געניטע פאַררעטערס... אָ ; ער האָט אַפילו נישט אַדורכגע־לאָזט מײַן אדמ׳דיקייט און מיט זײַנע עקלדיקע נאַסע לאַפּעס פּראָוואָצירנדיק געשנישטערט אין די סאַמע סענסיטיװסטע ערטער פון מײַן קערפּער... דאָס האָט אַרויסגערופן גאַר גרויסע הײַטער־קייט בײַ די קרימינעלע, און װען זיי האָבן זיך איבער מײַן פאַר־שעמטער הילפסלאָזיקייט גראָב צעלאַכט, ערשט זע איך, װי פון זייערע צעעפנטע מײַלער שלאָגט אַ פלאַם װאָס רויכערט מיט הויט פון פאַרברענטע מתים, און בײַם שײַן פון אָט דעם שײַטער האָב איך מיט שוידער דערקענט די גוט־באַקאַנטע ברוין־פאַרפּוילטע יאַסלעס װאָס האָבן ציִען מיט פאַרזשאַװערטע שטעכיקע דראָטן, װאָס האָבן קונציק באַשיצט מוראדיקע אין צװייען גע־שפּאָלטענע צונגען, װאָס האָבן גיפטיק געפינטלט מיט רויטע פאַר־לאָפענע אויגן... און דעמלט, װען די קרימינעלע האָבן מיך שוין אין בלויז אַ געשטרײַפטן מלבוש, פון אַלעם שוין אַ באַרויבטער, אַפילו פון די האָר פון מײַן קאָפּ, מיט פאַראַד פון שטוב אַרויס־געפירט, איז נאָך אַלץ דער אַלטער שכן מײַנער, טאַקע דער „בלאָנדער", װאָס האָט מיך אַזוי שרעקלעך פאַרראַטן, צודרינגלעך צו מיר צוגעשטאַנען און סודותפול געבעטלט און פאַרלאַנגט : העי, יאַנקעלעק, ברודערל מײַנער, — האָט ער געשעפּטשעט — גיב מיר שוין דאָס לעצטע װאָס בײַ דיר איז נאָך געבליבן. גלייב מיר, װי איך בין אַ קריסט, דו דאַרפסט שוין באמת גאָרנישט. אָט באַלד, נאָך אַ מינוט, און שוין װעסטו װוינען צװישן דײַנע אייגענע בלויז כשרע מלאכים.

און װען, צו מײַן אייגענער דערשטױנונג, האָב איך אים גע־געבן אָנצוהערן, אַז כ׳האָב שוין גאָרנישט פון װעלכן עס איז

מאַטעריעלן ווערט, האָט ער גאָר טעאַטראַליש, פונקט ווי אַ לץ אין אַ טייוולאָנישער דראַמע, אויסגערופן: אויב אַזוי, גיב מיר דיין האָפענונג, דיין האָפענונג וויל איך!...

— מיין האָפענונג? וואָס וועסטו מיט איר דען אויפטאָן, ווער וועט זי ביי דיר קויפן?

דאָ האָט ער, ווי אַ זונה, שעלמיש פאַרמאַכט אַן אויג, און פונקט ווי ער וואָלט מיר וועלן אָפּלאָזן דעם לעצטן סוד, ווי אויס מורא אַז די קרימינעלע זאָלן ביי אים נישט אויסכאַפּן די מציאה, האָט ער געשעפּטשעט: האָפענונג, ברודער יאַנקעלע, קאָן מען נאָך אַלץ פאַר גוט געלט פאַרקויפן און גלייכצייטיק קאָן זי פאַר גוט געלט פאַרראַטן, מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי, ברודערל, מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי...

דאָ האָב איך שוין אין גאַנצן פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך און צו מיין אייגענער איבערראַשונג, אַ שפּיי געטאָן אין פּרצוף פון „בלאָנדן" מנובל, און ווי נישט מיט מיין קול אויסגעשריגן: מיין האָפענונג? קיינמאָל נישט! אַפילו נאָך מיין טויט נישט, דו הערסט, דו קרעציקער הונט! דו הערסט!

באַלד זענען אָבער די קרימינעלע אים צו הילף געקומען, און ווען זיי האָבן מיך, ווי אַ נישט נייטיק פּעקל, אויף אַ פון פריִער צוגעגרייטן וואָגן אַרויפגעוואָרפן, האָב איך בלויז באַוויזן צו באַמערקן מיין אַלטן שכנס אויגן, וואָס האָבן צו מיר געבליצט מיט גויִישער שנאה, ווי די שאַרף פון בלויע חלפים, און מיט זיין גראָבן פינגער האָט ער נאָר געוויזן צום גרויען הימל וואָס איבער מיר:

— העי, יאַנקעלעק, קוק אַרויף, דאָרט אַהין גייסטו איצט, דו נישט־גלויביקער זשיד!...

ווען אויס פּשוטן נייגיר איך האָב אויפגעעפנט די אויגן, כדי צו כאַפּן אַ קוק וווהין איך גיי איצט, ערשט זע איך ווי דורך די צווייגן פון אַ גרינעם בוים, וואָס שטייט ביי מיין צעעפנטן פענצטער, שיינט אַריין ווי אַ ליכטיקער מלאך אַ גאָלדענע זון, וועלכע שטרעקט צו מיר אויס פון איר בלויען נישט באַפלעקטן

געלעגער אירע צעשטראַלטע הענט וואָס גלעטן מײַן פּנים מיט מאַמישער ליבע.

לאַנגזאַם, ווי אויס מורא, אַז דאָס בילד איז בלויז אַ בלויער מיראַזש און קאָן בײַ דער קלענסטער באַוועגונג ווי אַ קאַלירטער זייפן־בלאָז פאַרשווינדן, האָב איך פּאַרזיכטיק אויסגעשטרעקט מײַן האַנט צום קאָפּ, אַזוי ווי איך וואָלט זיך געוואָלט פאַרזי־כערן אַז איך בין טאַקע דאָ. אַ דערשטוינטער צוריק מײַנע אויגן פאַרשלאָסן, אַזוי ווי איך וואָלט וועלן אויף אייביק פאַרשליסן אין מיר די אידיליע פונעם בלויען וווּנדער וואָס איך זע איצט, און אין ווענענס ווירקלעכקייט כ׳בין נאָך אַלץ נישט איבערצײַגט. ווער ווייסט, אפשר לעב איך נאָך איצט אין אַ חלום? ווער ווייסט...

און אויך די חורבה איז אין פלאַמען אַוועק

די זון איז ווי אַ ברענענדיקע שיף געזונקען אויפן ווײַטן האָריזאָנט, און האָט מיט אירע לעצטע שטראַלן, ווי מיט פײַער־דיקע אָנגעגליטע צוואַנגען, אַרומגענומען דעם שוין פאַרגייענדיקן טאָג, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגעגליטשט פון איר הייס־צעפלאַמטן אָנגריף.

שאָטנס, ווי טונקעלע דורכזיכטיקע פאָרהאַנגען, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און אײַנגעהילט דעם ברוק אין אַ שלייער פון דינעם פראָסט, וואָס האָט גלײַך ווי אַ נײַגעריקער שד אויף ווײַסע פליגלען פאַרגלאָזט די פענצטער פון הויכע שטומע הײַזער, וועמענס שויבן האָבן מיט בלינדקייט, געקוקט שטאַר צו דער ליידיק־געוואָרענער גאַס.

און באַלד האָט די נאַכט, ווי אַ פאַרצווייפלטע מאַמע צעעפנט איר שוואַרצע אומענדלעך גרויסע פאַטשיילע, און אײַנגעטוליעט די מידע, הונגעריקע, שוין כמעט אויסגעליידיקטע געטאָ.

בלויז די חורבה שלאָפט נאָך ניִשט. דאָרטן, צווישן די צע־בראָכענע ווענט אויף וועלכע דער קאַלטער דעצעמבער־ווינט האָט שוין באַוויזן אויסצומאָלן ווײַסע, קרישטאָל־געבלימלטע טאַפּעטן, לויפט אַרום מיט גרויע ברייט־צעעפנטע אויגן, וועלכע גלאַנצן מיט אַ שײַן פון טעמפּגעוואָרענע מעסערס, דער האַלב־משוגענער איטשע מאיר; פון צווישן די געלע פלעקן פון זײַן ווײַסער באָרד רויטלען זיך אויס אַ פּאָר קראַנקע, נאַסע, ביז בלוט צעפּאַדעטע ליפּן, וועמענס אומאויפהערלעך מורמלען און זינלאָז מאָנען פילן אָן די חורבה מיט אַן אומהיימלעכן און צודרינגלעכן פליסטער: אוי,

ווי איז מיר, אוי, ווי איז מיר, אוי, ווי איז מיר! איבערגעלאָזט האָבן זיי בלויז מיך, די רשעים. נאָר מיך, נאָר מיך, אַן אַלטן, פון־צרות־צעבראָכענעם זקן, אַ היפלאָזן בן־אָדם, וועמענס לעבן האָט שוין איצט אַזוי פיל ווערט, ווי אויסגעהוילטע זרע וואָס וואַלגערט זיך אויפן האַרטן שטיין פון ברוק. איבערגעלאָזט מיך, ווי אַן איינזאַמען בוים אין אויסגעהאַקטן וואַלד, וועמען דער העקער האָט געשוינט, צוליבן טעמפּן חוזק פון זיין שטומפּיק־געוואָרענער האַק... אָ! רבונו־של־עולם, זאָג מיר פאַר וואָס און פאַר וועו, פאַר וועלכע זינד האָסטו מיך אין די הענט פונעם רשע איבערגעענטפערט, זאָג מיר פאַרוואָס!?

אָ, זע ווי ער האָט מיין פון־הונגער־אויסגעדאַרטן קערפּער, ווי צו דערשטיקן מיט שטעכלדיקע דראָטן פאַרוויקלט, און אויף די ווונדן פון מיין צעריסענעם לייב, קאָכיקן שלאַנגען־סם געגאָסן, און זע, ווי דער פּראָסטיקער ווינט איז פאַר מיר אַ וואָכעדיק בגד, און איז אויך מיין טלית געוואָרן, וואָס פון אונטער אים טראָגן זיך צו דיר ווי מידע פייגל מיינע טענות, מיינע תפילות. זיי פליען און פליען, אָבער וועלן שוין נישט דערפליען... ווי אַ הויז פון בלינדע ווענט איז די וועלט מיר געוואָרן, אַ הויז, וועמענס טירן האָבן זיך אויף אייביק פאַרהאַקט, אויף אייביק! זעסטו, אויף אַזאַ סדום האָב איך זיך קיינמאָל נישט געריכט, קיינמאָל נישט! אָבער וואַרט נאָר, וואַרט, האָסטו דאָך, רבונו־של־עולם, אַפילו סדום, די נעסט פון גרעסטער זינד, אַן אויסוועג געגעבן. וואָלט נאָר אברהם אין זיין פלייס באַוויזן צו געפינען די נישטיקע צאָל פון כאָטש צען צדיקים... רבונו־של־עולם! טאַטע פאָטער! נאָר צען צדיקים וואָלטן דיר געווען גענוג? נאָר צען צדיקים האָסטו געזוכט? אָ! זיי מיר מוחל מיינע רייד, איך, דער אַלטער איטשע מאיר דאַרף דאָך דיר נישט דערציילן, דו ווייסט דאָך גוט, אַז אָט אין די הייזער, וואָס זענען דאָ אַמאָל אין דער אָרעמער אויסגעקרומטער גאַס געשטאַנען, האָבן געלעבט מער ווי צען מאָל צען צדיקים, און אין אַלע גאַסן פון אָט דער גרוי־פאַרהאָרוועטער שטאָט — מער ווי הונדערט מאָל צען, און

אפשר מער ווי טויזנט מאָל צען. ווער ווייסט? דעם חשבון קאָנסטו דאָך, טאַטע־פאָטער, אַ סך בעסער פאַר מיר, אַ סך בעסער... נאָר איך, זעסטו, ווי אַ פשוטער אומגליקלעכער בן־אַדם פאַרשטיי, אַז לעבן ווי אַ צדיק, קאָן נאָר אַזאַ איינער וואָס קאָן ווי אַ צדיק שטאַרבן... און דאָ, אין מײַן שטאָט, האָבן אַמאָל געלעבט מער ווי צוויי הונדערט טויזנט ייִדן... און דער גרעסטער טייל, יאָ, כ'קאָן דרייסט זאָגן — דער גרעסטער טייל איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, טאַקע נאָר אַזוי ווי עס שטאַרבן צדיקים, נאָר צדיקים. יאָ! זאָל זײַן אַז איך לעסטער, אָבער איך האָף דאָך אַז דו פאַרשטייסט מײַן טענה, און, גלייב מיר, אַז מײַן טענה איז נישט בלויז צוליב מיר, ניין — נישט בלויז וועגן מיר גייט עס, נאָר טאַקע אויך וועגן דיר, יאָ, יאָ, וועגן דיר. אַדרבא, קוק זיך צו און זע ווי עלנט, ווי פאַריתומט מיר ביידע זענען דאָ געוואָרן; נישט דאָ שוין מער קיין פרייד, קיין יום־טוב בײַ ייִדן; ווי בלינדע זקנים קוקן דאָ הײַנט די ייִדישע פענצטער צום אויסגעלאָשענעם שבת, פאַרשעמט דורך די גויִים. איז זאָג זשע מיר, טאַטע־פאָטער, זאָג זשע מיר: ווער מיינסטו וועט הײַנט דאָ דײַן ליכטיקן נאָמען דערמאָנען, דײַן הייליקע תורה לערנען, ווער!? אַז טויט ליגן שוין אַלע יעקבס קינדער, טויט! האַ? און אפשר רעכנסטו גאָר אויף דעם בייזן גויִישן עם־רע וואָס דרייט זיך נאָך דאָ אַרום, אויף זיי, וועלכע האָבן אַ גאַנץ לעבן נאָר אויס גזלנישער ליבע צום פלאָם פון שײַטער, דײַן ליכטיקן שטראַל נישט דערזען, אפשר מיינסטו גאָר זיי, האַ?...

אוי, האָבן זיי זיך אין טאָג פון מײַן גרויסער מפּלה פריילעך געמאַכט, אוי, ווי פריילעך. און גלייב מיר, אַז דאָס קאָן איך שוין טאַקע אינגאַנצן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָסטו געקאָנט צוריקהאַלטן דײַן אייזערנע האַנט, וואָס איר קלענסטער ריר איז מסוגל געווען צו צעשמעטערן נישט נאָר די רשעים, נאָר אויך די טריפהנע פּיסקעס, וועמענס אויסגעלאַסענע ליפּן האָבן דורך די פענצטער פון דורכפאָרנדיקע טראַמווייען געלאַכט פון מײַן בראָך, פון מײַן אומגליקלעכער געפאַלנקייט, ווי אַזוי האָסטו דאָס גע־

קאַנט? ווי אַזוי!? ניין, דאָס זעסטו וועל איך שוין קיינמאָל נישט פאַרשטיין, קיינמאָל נישט.

און אַפילו מײַנע אייגענע, כ׳מיין די, וואָס האָבן נאָר פאַר אַ בידנעם כּזית ברויט, ווי לויפער צום רשע זיך פאַרקויפט, אויך זיי האָבן זיך געלאָזט ווילגיין, אָ! האָבן זיי מיט אויגן, ווי צונגען פון שמוציקע הינט בײַם פאַרטרוקנטן קויט, געשמעקט, די רשעים, און געלעקט, אוי, ווי געלעקט...

און ווען אין דער נאַכט, אין דער קאַלטער נאַכט פון פאַרשי־קונג, האָט מײַן גאָלדע, מײַן אָרעמע פאַרווײנטע גאָלדע, די צום־טויט דערשראָקענע קינדער מיט שאַליקעס די העלדזער פאַרוויק־לען געוואָלט, האָט זיך זייער רעדלפירער, דער מיטן וואַנצן געל־קאַלירטן אָרעמבאַנד, ווי אַ הייזעריקער אייזל צעריטשעט: „יוגץ ענק, יוגץ ענק, וועט ענק נישט קאַלט זאַן, שוין וואַרט אויף ענק אַ גרויסער פּיעקעליק, דאָרט וועט עץ ענק שוין גיט אויסשוויצן... וועט עץ ענק".

און אַזוי האָט מען זיי אַלע פון מיר צוגענומען, אַלע — מײַן גאָלדען, מײַן טאָכטער חוה, איר קליינעם דודל, די שכנים, אַלע, אַלע, נאָר מיך זעסטו, און טאַקע נאָר צוליבן גרויסן „גליק" וואָס כ׳בין פון הונגער געליימט געוואָרן, האָבן די רוצחים פּרי־ווילעגירט צו שטאַרבן ביחידות. האַ, וואָס זאָגסטו עפּעס צו אַזאַ „גליק"? נאָר, כ׳וויל גאָר נישט זינדיקן. כ׳ווייס, אַז נישט יעדער ייִד איז הײַנט זוכה צו שטאַרבן אויף זײַן אייגן בעט...

ליג איך דאָ טאַקע איינער אַליין, צווישן די אַמאָל אַזוי באַליבטע ווענט, וואָס זענען איצט פאַר מיר ווי ברעטער פון אַ קרקע געוואָרן, און וואַרט, וואַרט אויפן סוף וואָס וויל דווקא נישט קומען...

הײַנט, ווי נאָר דער אָוונט איז צוגעפאַלן, און ס׳האָט נאַכט ווי אַ שטילער גנב אויף שפּיץ פינגער גענומען זיך שלייכן דורך די שפּאַרעס פון מײַן לויז־געוואָרענער טיר, בין איך, ווײַזט אויס, פון הונגער אײַנגעדרעמלט...

ערשט באַמערק איך ווי אויף די פּאָליצעס וואָס אויף דער

מערבדיקער וואַנט, פון מײַן אַמאָל־געװעזענער פּאַפּיר־גאַלאַנטע־ריע, טאַקע פון דאָרט, װוּ עס זענען שטענדיק געלעגן אָנגעװאָרפן שטויסן פון פּאַרשיידענע קריסטלעכע חגאותדיקע באַפּוצונגען, גאָלדענע און זילבערנע שטערן, װײַסע דורכגעפּלאָכטענע מיט ברי־לאַנטענע פּעדעם שניי־אימיטאַציעס, און אויך אַ גאַנצע חברותא פּאַפּירענע גויִישע מלאכים מיט פריש פריזירטע קעפּ און ראָזע קאָלירטע באַקן, טאַקע װי ערשט צוריקגעקומענע פון דאַטשע.

פלוצלינג דערזע איך װי פון אַ לאָך, װאָס טאַקע אויף דער זעלבער מערבדיקער װאַנט, װוּ אַ שװאַרצע שפּין האָט שוין יאָרן אַ נעץ פון פּעדעם געװעבט, קריכט זיך לאַנגזאַם אַרויס איינער פון אָט דער פּאַפּירענער חברותא, באַלד גייט אים נאָך אַ צװייטער און אַ דריטער, שוין װערן זיי צען, הונדערט, טויזנט, און מער און מער, און זיי האַלטן זיך אין איין כּפלען, ביז די שטוב, די גאַס, די גאַנצע װעלט װערט פול מיט זיי, און װי אַ קװאַטשן פון זשאַבעס איז זייער גערעדעכץ, האַלטן זיי אין איין איבער־חזרן : יאָאָ, יאָאָ, יאָאָ, אַזוי װי זיי װאָלטן צו אַלעם װאָס דאָ קומט פּאָר מסכים געװען און ס׳גלאַנצן דערבײַ זייערע װאַסער־דיקע גלעזערנע אויגן, מיט קעלבערנער התלהבות װי בײַ נאַרישע ליאַלקעס.

און אָט האָבן זיי זיך אַ שפּאַר געטאָן פּאָרויס, און װען אַ צעפּלאַמטער װאָלקן, װי אַ װאַלד אָנגעצונדענע שטורקאַצן, האָט אַ שװעבנדיקער זיך אַ װיג געטאָן אין דער הויך, ערשט דערזע איך װי צװישן דער אויסגעלאַסענער חברותא, שטייט געפּאַנגען אַ נאַקעטע, מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, מײַן יונג־פּאָר־שעמטע חוה, צו װעמענס דינער אָראָפּגעלאָזטער האַנט, עס קלאַ־מערט זיך, אַ בלייכער פון שרעק, איר קליינער דודל. גלײַך האָרט נעבן חוהן, איז װי אויסגעװאַקסן מיט אַ האַלב־צעשניטענער באַק, אַ מוראַדיק מיאוסע מאַלפּע, װעלכע האָט אין אַ שניי־װײַסן כאַלאַט, און מיט גאָלד־באַברילטע אויגן כמעט אויסגעזען װי אַ פעלטשער, האַלב פעלטשער, האַלב מאַלפּע... און ער האָט זיך נאָך געהאַלטן אין איין סודלען און חנדלען צו אַ נקבהדיק

פאַרזעעניש, וועלכע כ׳וואָלט טאַקע צוליב איר אויסגעלאַסענעם אויפפירן זיך, אָנגענומען פאַר אַ פּראָסטער גאַסן־זונה, און ווען זי, אַט די וועמען דער פעלטשער האָט אַזוי מיט דרך־ארץ גערופן מאַדאַם אילזאַ, האָט פונקט ווי אַן אייפערזיכטיק־קנאהדיקע גענומען דורכשפּיזן מײַן חוהס ווײַסע נישט־באַפּעלעקטע הויט, האָט אַ געדיכטער נעפּל-וואָלקן גענומען נידערן און נידערן, און ווי נאָר ר׳האָט דערגרייכט מײַנע קינדער, אַזוי האָט דער קלײנער דורל סכנהדיק גענומען שרײַען, שרײַען און בעטן: מאַמע! מאַ־מעלע, ראַטעווע מיך! מאַמע, העלף מיר! איך שטיק זיך, איך שטיק! איך ש — — —

ווי אַ באַנומענער האָב איך זיך אַ הייב געטאָן, און ווי נישט מיט מײַן קול האָב איך זיך מוראדיק צעשריגן: רוצחים! וואַלד־גזלנים! וואָס האָט איר מיט מײַנע קינדער געטאָן? ווײ איז מיר, וואָס האָט איר זײ געטאָן? ערשט דאָ איז מיר די פעלטשער־מאַלפּע אין פּנים געשפּרונגען, און ווען זײַן שטאַרק באַוואָקסענער אָרעם האָט זיך מיט גרינעם זייף אויסגעשטרעקט, האָט ער זיך קראַנק און ציניש צעלאַכט, האַ־האַ־האַ, „זעסט, דו יודע, זאַובער מוס מאַן זײַן, אימער זאַובער״...

מיט דעם לעצטן ביסל לעבן וואָס איז אין מיר נאָך געבליבן, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן אַן אײַזערנעם שטעקן, און, טאַטע־פאָטער, כ׳וואָלט דאָך אַליין נישט געגלייבט, ווי נאָר כ׳האָב גענומען דערלאַנגען, אַזוי האָבן די מוראדיקע, פריִער מעכטיקע מאַלפּעס, ווי צעשראָקענע טשורעס זיך צעלאָפן אין די לעכער. אוי, האָב איך די טשורעס געיאָגט און געפּלאָגט, אוי, ווי געיאָגט, און ווען דערטאַפּט — ביז בלוט געממיתט, און ווי געממיתט האָב איך זײ, די קרעציקע טשורעס, אוי, ווי געממיתט, נאָר אַזוי פיל זענען זײ געווען, אַזוי פיל, — און איך איינער אַליין... איינער אַליין, אָן אַ ביסל הילף, אָן אַ הילף. און דאָ האָבן מיך די כוחות גענומען פאַרלאָזן, און געפאַלן בין איך — געפאַלן, און ליגנדיק אַזוי אַליין, פון אַלעמען אַ פאַרלאָזענער, האָט זיך פלוצלינג אַ שטילקייט אַזאַ צאַרטע אין מיר אַנטפּלעקט, אַזוי

אַז כ׳האָב ממש דערהערט דעם שטילסטן פלאַטער פון מײַן אײגע־נער נשמה וואָס האָט זיך אַ פאַרקלעמטע געגרייט צו יציאה... און מאָדנע וואָס איצט האָב איך מער קיין ביטערקייט נישט געפילט, נאָר אַן אַנטוישונג האָט מיך אַרומגענומען, אַן אַנטוי־שונג אין מײַן גאָטס וועלט, און אין דעם מענטשן, וועלכן ער האָט באַשאַפן...

✶

גענוי ווען איטשע מאיר האָט זײַן נשמה אויסגעהויכט ווייסט מען נישט, ווײַל געשטאָרבן איז ער אין אַ צײַט, ווען דער טויט פון אַ ייִד איז געווען דער וועלטס אַמוזירנדיקער שפּאַט. נאָר אַ סברה איז, אַז אין איינעם אַ גרויען ווינטערפרימאָרגן, ווען אַ שאַרפער פראָסט איז ווי אַ בלאַנקע שווערד פאַרעקשנט געלעגן אויפן דינעם האָלדז פון נאָך אַ יונגן בלייכן באַגינען, האָבן די גויִים דורך די פענצטער פון דורכפאָרנדיקע טראַמוויײַען דעם טויטן ייִדן דערזען. באַלד האָבן זיי זיך מיט פאַרגעניגן גענומען איבער־ווינקען, און ווען אַ לוסטיקע הײַטערקייט האָט דעם גוייִשן פעבל אַרומגענומען ווי אַ פיבער, האָבן זיי זיך מיט אימפּעט אַ וואָרף געטאָן צו די האַלב־פאַרפרוירענע שויבן. יעדער איינער האָט נאָר געוואָלט זען וואָס מער, וואָס מער. די קליינע, מיט די גאָר שוואַכע עלנבויגנס, האָבן זיך פּשוט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן בײַ די פליישיקע, איבערגעפרעסענע גויִים: ברי־דערלעך, טײַערינקע, לאָזט אונדז, לאָזט אונדז, ווי קריסטוס איז אײַך ליב, לאָזט אונדז זען דעם טויטן זשידעק. אַך! ווי קאָמיש ער ליגט, אָך, ווי אומגעלומפּערט קאָמיש, זיכער זיך אָנגעשיכּורט פאַרן טויט, אָ! זיכער זיך אָנגעשיכּורט, זיכער...

אַ גאַנצן טאָג איז דער טויטער איטשע מאיר געלעגן אויף דער שוועל פון דער חורבה, נישט געווען אַפילו ווער ס׳זאָל אים צו קבורה ברענגען.

נאָר ערשט דעמאָלט ווען די זון איז אַ רויטע פון בושה אַוועק ווײַט הינטער די בערג, און אַ נאַכט איז ווי איידעלער סאַמעט

פון הימל געפאַלן, האָבן זיך אירע שוואַרצע ווייכע פאַלדן מיט רחמנות צעעפנט, דורך וועלכע איטשע מאיר איז אַרײַן אין דער וועלט פון אייביקן נישט זײַן...

אַ סך יאָרן זענען שוין אַוועק פון זינט יענער צײַט, און די וועלט האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז ס'האָט אַמאָל געלעבט אַן איטשע מאיר, און כדי עס זאָל אַפילו קיין זכר פון אים נישט בלײַבן, האָבן די גויִים, אויך די חורבה אַ מתנה פאַרשענקט צו זייער זייער־באַליבטן שײַטער...

נאָר אַ לעגענדע דערציילט:

אַז גראָד דעמאָלט ווען אַלץ אַרום איז שוין אין רויטן מאַנטל פון פלאַמען געשטאַנען, האָבן די פײַער־צונגען ניסימדיק אָפּגע־שוינט דער חורבה'ס לויז־געוואָרענע טיר, און אין נעכט פון אומ־היימלעכן שטורעם, דעמאָלט ווען דער ווינט אין זײַן סטיכיע פליט ווי אַ משוגענער פון די ווײַטע, וויסטע פוילישע פעלדער און וועלדער, בלאָזט ער, און די לויזע טיר, וואָס הענגט קוים, קוים, און די רויטע, פון רעגן פאַרראָסטע זאַוויאַסעס, נעמען סקריפּען מיט איטשע מאירס לעצטע פאַרצווייפלטע רופן: אוי, ווײ איז מיר, אוי, ווײ איז מיר, אוי ווײ...

אַזוי לאַנג ווי ער פרעגט...

(נאָכוואָרט)

„איך שרײַב שוין פערציק יאָר. איך זאָג „פערציק" און עס כאַפּט מיך אָן א שוידער. כ׳בין זיכער, אַז איך דריק אויס דעם אמת פון מײַן דור, פון מײַן צײַט". אין זעלבן בריוו, מיט עטלעכע שורות ווײַטער, שרײַבט דער מחבר פון אָט דעם בוך, מײַן פרײַנד יעקב ראָזענבערג: „סוף אויגוסט 1944 האָבן די דײַטשן מיך, צוזאַמען מיט מײַן גאַנצער משפחה, פאַרשלעפּט קיין אַשוויענטשים. צו 22 יאָר בין איך געבליבן אַליין. די איינציקע באַגלײַטער מײַנע זענען געווען די פאַרשריבענע פּיצלער פּאַפּיר..."

✶

יעדער מאָל ווען איך לייען אַ בוך, לייען איך קודם כל זיך, אָבער באַלד מיט דעם, ווי אַ הינטערגרונט, ווי כ׳וואָלט געלייענט גלײַכצײַטיק ס׳צווייטע מאָל, לייען איך די ווערטער, די פּראָזן וואָס געפינען זיך אין אָט דעם בוך, וועלכע דערציילן מיר עפּעס, וואָס לאָזן מיר עפּעס וויסן. אין איצטיקן פאַל, לייענענדיק יעקב ראָזענבערגס בוך, דערמאָנט עס מיר, אַז דאָ גייט אַ רייד וועגן יעקב ראָזענבערגס דור, וואָס איז אויך מײַן דור, יעקב ראָזענבערגס צײַט, וואָס איז אויך מײַן צײַט.

✶

און **מײַן צײַט** מיינט: — די צײַט פון **אומקום** און די צייט פון **נאָך אים**... דערפאַר איז עס פאַרשלייערט מיט נעפּלען. **פאַר אים** — בענקשאַפט, טרוימען, וויטיק, חלום; **פאַר אים**, איידער די אַ צײַט בינדט זיך אויך מיט פאַרראַט: „יאַש, דו ביסט קין!" כאַטש אין גאַנצן אַ קאַפּעלע פריער, ביזן פאַרראַט, שטייען „היל־צערנע הײַזער מיט שטרויענע דעכער" לענג אויס די ייִדישע גאַסן אין שטעטל, און „ווײַס געקאַלכטע, ציגלענע קוימענס" וואָס דערמאָנען אַ ציבעק „אין מויל פון אַ זקן פאַרזונקען אין טרוימען", בעת אין די הײַזער לערנט מען תורה און עס לעבן דאָרט מענער מיט פלאַמיקע אויגן וואָס שווערן „פרײַהייט בײַם פלאַטער פון פענער"...

די ווירקלעכקייט פון „שניי אין פרילינג", איר **דאָמינירנדיקער שטריך**, איז אָבער פאַרלוירנקייט און מאַסן־אומקום, איז טיפע אַנטוישונג אין מענטש, יאוש פון זײַן טויזנטפּנימדיקן אויסדרוק, צוזאַמען מיט פאַרצווייפלטע נסיונות ווידער פאַרצוזעצן ס׳לעבן, אַרײַנגערעכנט: געפילן, באַגערן, חלומות — אַ פּראָצעס צו וועלכן דער מחבר אונדזערער באַציט זיך מיט נישט־באַהאַלטענע ספיקות —

איצט איז געבליבן נאָר
דער חוזק פון אַ שמייכל
און אַ הייב פון ברעמען.
נישט מער אײַך צו דערקענען
הוילע פּוסטע רייד —
ווערטער...

(„געבליבן זענען נאָר ווערטער", ז׳ 36)

ווערטער, ווי געפילן און באַגערן, פאַרלירן גיך זייער באַדײַט, ענדערן לײַכט זייער אינהאַלט אין דער צו־אײַלעוודיקער וועלט אונדזערער, אַ וועלט וואָס שרעקט כסדר און עס בלײַבט קיין צײַט נישט אויף רחמנות.

און מײַן דור — אַ דור אַ געבליבענער בײַם לעבן, נאָך דעם ווי ער איז געווען פאַראורטײַלט צו שחיטה, צו פאַרוואַנדלט ווערן אין רויך פון קרעמאַ־טאָריעס און בלויז דורך צופאַל לעבן געבליבן; אַ דור וועמען דער גורל האָט פאַרמשפּט צו מאַכן געשיכטע און בײַ אים צוגענומען די מעגלעכקייט צו געניסן פון איר, וואָס האָט גענומען אויף זיך דעם אויפגאַב פון פלאַנצןביימער, ווויסנדיק פאָרויס אַז ער וועט שוין נישט באַוויזן זיך צו קילן אין זייער שאָטן. און דאָך —

בעסער אין יוגנט דאָס אייביקע וואַגן...
בעסער דעם צווײַגל געשמיסן אין שטורעם,
ווי דעם פלאַנץ אין צימער באַשיצט פונעם רעגן.

(„אַ רגע יוגנט", ז' 53)

מײַן דור איז אָבער אויך אַ דור וואָס פילט זיך שולדיק, וואָס הערט זיך אין „לעצטן געשריי פון זײַן טאָטן", זעט זיך אין „לעצטער טרער פון זײַן מאַמען", און ראַנגלט זיך מיטן געדאַנק, אַז ער האָט זיי ביידע פאַרראַטן... אויב אַזוי: פאַר וועמען לידער, ווער גלייבט אין זיי, ווער דאַרף די לידער־ווערטער? פילן דעריבער אויס אַ גרויסן טייל פון זיי חלומות־געשפּענסטער פון „שניי אין פרילינג", אין וועלכע מענטשן־שאַטנס און עכאָס בלויז פון לעבן, אַ גאַרונג וואָס לאָזט זיך נישט אַרײַנפּאַסן אין קאָנקרעטע גרענעצן־באַגריפן, אַ בענקונג נאָך אַן אומדערגרייכבאַרקייט.

★

אַ כינעזיש שפּריכוואָרט זאָגט: „פאַרוויַלסטו בײַ דער פאַרגאַנגענהייט פאַר־לירסטו איין אויג, פאַרגעסטו זי — פאַרלירסטו ביידע". די פאַרגאַנגענהייט איז נצח פאַרגייט קיין מאָל נישט. און כדי דער „אמת פון מײַן דור און מײַן צײַט זאָל זיין איבערצײַגנדיק, פלעגט יעקב ראָזענבערג דעם נעכטן פון אומקום מיטן נישט־קלאָרן היינט, סיי דורך אַזעלכע און נישט אַנדערע לידער, סײַ דורך די עסייען וואָס אין אָט דער זאַמלונג. אין דעם זין זענען זײַנע לידער אַנגאַזשירטע, טענדענציעזע. זייער לײַט־מאָטיוו, ווי דער לײַט־מאָטיוו פון די עסייען און דער־ציילונגען דאָ, איז — יידישער גורל. זיי דערגרייכן אָבער דיכטערישן אויסדרוק דורך זייער טיפער זיניקייט, פליוס מאָלערישקייט און רײַכן לשון. אָט די דאָזיקע עלעמענטן באַשטימען דאָס זייער ליטעראַריש־עסטעטישן ווערט.

סאַראַ ווערטער־פּאַסיאַנס. אין „געטאָ־פרילינג" הענגט אַ שוואַרצער שניי אויפן פענצטער. אין געטאָ־פרילינג וואַרעמט זיך די מאַמע בײַ אַ קאַלטן אויוון. דער טאַטע לייענט אַ בלאַט אַן אותיות און די שוועסטער עסט אַ זופּ פון אַ געפּרווירענעם טעלער. אין געטאָ־פרילינג פאַרנעמט דאָס אָרט פון נאַטור־פּײַזאַזש דער לאַבירינט פון מענטשלעכן זײַן, די איינזאַמקייט און דער פחד, הילפלאָזיקייט, יאוש און אומווילן. און נאָר דער דיכטער אין זײַן וויזיע קאָן, דוכט זיך, זיך באַגײַסטערן פון בערג פון נעפּל, ווועלדער, שניי, פאַרכישופטע נעכט. אָבער אין דער אמתן שנייט אין געטאָ אַ „ווײַסער טויט" און מיט זילבער „אויסגעשטערנט האָט דער פראָסט די ווענט". אין געטאָ האָט גאָט פאַרלאָזט דעם הימל, און דאָרט ווו אַמאָל האָט אַ גאָרטן געבליט „וואַקסן איצט טויטע בלומען".

אין אַ נידערטרעכטיקער, אַנטי־הומאַנישער וועלט קלינגט אויסטערליש דאָס ליובגעזאַנג צו זון־אויפגאַנג און אויסגעשטערנטן הימל. און נישט דער „ראָמאַנ־טישער" תוכן פונעם ליד מאַכט דעם מחבר פון „פרילינג אין ווינטער" פאַר פּאָעט, נײַערט דער כוח דורך וועלכן ער פילט דעם אָרום און די טיפקייט דורך וועלכער ער דריקט אויס זײַנע געפילן. דאָס רוב לידער אין אונדזער בוך זענען געצילט אין זיך אַרײַן, אין דער טיפקייט פון מחברס נשמה. זייער אינהאַלט איז ברייטער פונעם אינהאַלט פון די ווערטער, די אויסגעשטעלטע אין קורצע שורות. די אַטמאָספער פון די לידער איז רחבותדיקער, לופטיקער, אָן אויסערלעכע עפעקטן. די שורות, אַרויפגעצויגן איינע נאָך דער אַנדערער אויף אַ פאָדעם פון סטאַבילן נישט־צעשויבערטן ריטעם, דערמאָנען אָפט פאָלקס־לידער.

כמעט יעדער ליד אין אָט דעם בוך איז אַ סינכראָנישער געפלעכט פון ווערטער פאַר זיך מיט ווערטער פאַר אַ סך. אויף אַזאַ אופן באַקומט דער רעאַ־ליסטישער פרט די מדרגה פון אַ מעטאַפיזישן סימבאָל, און דאָס קאָנקרעטע געוויכט פון דער טעמע — אַ סימבאָלישע באַדײַטונג. וואָס ווייסן מיר וועגן האַרציקייט און ליבשאַפט, וועגן ביטערקייט און איינזאַמקייט, אַנטוישונג און צאַרן? אַ סך ווייניקער ווי די געלערנטע וועגן דער סטרוקטור פון דער מאַטעריע.

✶

ס׳איז אויסער יעדן ספק: פילן איז אַ סך קאָמפּליצירטער פון בויען פערזן. אָבער „אין גאַלעריע פון זכרון" (ז׳ 95) שפּילט די סטרוקטור פון פערז נישט קיין קלענערע ראָל ווי דאָס וואָרט. זי באַאײַנפלוסט די אַטמאָספער פונעם ליד, קאָמפּאָנירט זי. אַזוי אויך אין אַנדערע לידער. דאָס זעלבע אין די דערציילונגען „אפשר איז עס בלויז אַ חלום?" און „אויף די חורבה איז אין פלאַם אַוועק", וואָס אין זיי שאַפט דער מחבר די גרענעץ צווישן רעאַלן, קאָנקרעטן פרט און כאַאָטישער האַלוצינאַציע. ער ברעכט דעם דערציילערישן שטראָם דורך, כלומרשט, נישט־לאָגישע איבערגענג. ווײַל, ווייזט אויס, אַז אַנדערש קאָן מען נישט מאָלן די וועלט פון צוועקלאָזע אַמפּערנישן און פון פײַנפולע פראַגן.

אין דער דערציילונג „אויף די חורבה איז אין פלאַם אַוועק", אין איר אָנהייב איז גאָט אַ מרדן, אַ וועזן אין אייביקן געיעג נאָך גערעכטיקייט. שפּעטער אָבער — אַ שטומע און טויבע גאָט־געשטאַלט. דער ייִד, דער אייביקער פרעגער, איטשע־מאיר דער זקן, גייט אויס אָן אַן ענטפער. „טאַטע־פאָטער, פרעגט ער, נאָך צען צדיקים וואָלטן דיר גענוג געווען? נאָך צען צדיקים האָסטו געזוכט? איז זיי מיר מוחל מײַנע רייד... דו ווייסט דאָך גוט, אַז אין אָט די הײַזער... האָבן געלעבט מער ווי צען מאָל צען צדיקים, מער ווי הונדערט מאָל צען... דעם חשבון קאָנסטו דאָך, טאַטע־פאָטער, אַ סך בעסער פון מיר, אַ סך בעסער"...

שטייט דער אייביקער נאָנקאָנפאָרמיסט, דער אייביקער וואַנדערער איטשע־מאיר אַנטקעגן דער געטלעכקייט און פרעגט, און פאָדערט ענטפערס, און אַזוי לאַנג ווי ער פרעגט איז נאָך דאָ אַ האָפענונג...

חיים הימלפאַרב

אינהאַלט

שניי אין פרילינג
(לידער I)

געטאָ־פרילינג 9
נישט פאַרגעס, מײַן קינד . . 10
נישטאָ מער דאָס ציגעלע . . 11
וויין מאַמע, וויין 12
אין קרעטשמע 13
געטאָ־וויגליד 16
אָוועק זענען קינדער . . . 17
רבונו של עולם 19
ווינטער אין געטאָ . . . 20
שטעטעלעך יידישע . . . 21
הילצערנע הייזער 22
יאש, דו ביסט קיין . . . 23
אַ דור וועט אַוועק . . . 26
די צעבלוטיקטע האַנט . . . 27
וואָצעק שטאַרבט 28
פאַר וועמען ? 29
ווען קיין 30
פוילן, וועסט באַצאָלן . . . 31
אויפן וועג מיטן אייביקן ייד . 33
געבליבן זענען נאָר ווערטער . 36
אַ בוים אויפן וועג 37
ביימער 38
ערב פורים אין געטאָ . . . 39
אסתר די נייטאָרין 40
פורים אין געטאָ 42
בילד פון לאָדזשער געטאָ . . 44

און דאַך...
(לידער II)

און דאַך 47
אַ קאָרטן־שפּיל 49
לטובת דער נאַרישער ציג . . 50
אין גרינעם שלאָס 51
אַ שמייכל 52
אַ רגע יוגנט 53
אַ בוים און אַ ווינט 54
אַ פרוי 56
גאָלדעס תּפילה 57
פאַרשידן 58
✶ (שפּאַנט אַ לעבן) 60
דער זייגער 61
ווער ווייסט 62
זון־פאַרגאַנג 63
די צײַט 64
ווי גיך דער זומער איז פאַרפלויגן 65
אומעט 66
ווער קאָן דאָס פאַרשטיין ? . . 67
לבנהס גורל 68
פאַרבלוטיקטער צאָפּ 70
שניי־מענטשן 72
וווּ לויפסטו, מענטש ? . . . 73
אַ פאַרפאַלק 74
וווּ ביסטו, מײַן זוניקער טאָג ? . 75
די דאַמע מיטן לץ 76
שטייט אַ טורעם אין פעלד . . 78

מאָרגן 80
חלבדיקע טרערן 81
די מויז 83
מײַן מאַמע — ייִדיש 84
מײַן מאַמעס ליד 86
אָ, וויג מיך 87
מײַן טאַטע 88
אין לאַנגע נעכט פון ווינטער . 89
מײַן זיידע 91
וויג־ליד 93
מײַן גאָלדענער שמעטערלינג . 94
אין גאַלעריע פון זכרון . . 95
בענקשאַפט 96
מײַן שיפעלע 97
אַ כוואַליע 98

וווהין גייסטו מענטש, ייִד?
(עסייען)

בײַם שײַן פון הייליקן פײַער . 101
פּראָבלעמען פון ייִדישער וועלטלעכ־
קייט 106
אויף דער שוועל פון אַ נײַער
דעקאַדע 112
ייִדישע געשיכטע און אַסימילאַציע 118

די ווירקלעכקייט פון בלויען ווונדער
(דערציילונגען)

דער איינזאַמער מענטש . . 129
און אפשר איז עס בלויז אַ חלום? 134
און אויך די חורבה איז אין פלאַמען
אַוועק 140

אַזוי לאַנג ווי ער פרעגט...
(נאָכוואָרט פון חיים הימלפאַרב) 148